# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

### Title
Khesbn no. 66 - Winter 1971 - Journal

### Permalink
https://escholarship.org/uc/item/0d07k869

### Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 66(1)

### Author
Admin, LAYCC

### Publication Date
1971

### Copyright Information
Copyright 1971 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פעריאָדישע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים

## ספעציעלער נומער

לכבוד דעם 75-טן געבוירן-טאָג
פון

# אַלעקס ראַבין

אַרויסגעגעבן פון „חשבון" און א. ראַבין יובל-קאָמיטעט


• פאַר „חשבון" רעדאַקציע:

אברהם גאָלאָמב
ז. בונין
זלמן זילבערצוויַיג
אריה פאָזי
ה. בערמאַן, פאַרוואַלטער
סימאָ קאַרפּ, פינ. סעקר.

• פאַרן יובל-קאָמיטעט:

דוד גאָלדמאַן
שלמה צוקערמאַן
יעקב קאַהאַן
שמחה גרעי, פאַרוואַלטער

ווינטער 66 תשל"ב

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פֿאַרבאַנד

- איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אַמעריקע. דעם פֿאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:
- אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פֿון מדינת ישראל;
- שטאַרקן דעם כוח פֿון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל — די הסתדרות העובדים;
- העלפֿן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פֿאַר דעם יידישן המשך;
- קעמפֿן פֿאַר אַ בעסערער אָרדענונג פֿון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פֿאַרבאַנד איז אַ פֿראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פֿאַר דעם היינט און מאָרגן

**מיר לאַדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען**

ל. א. שטאָט־קאָמיטעט פֿון
ציוניסטישן אַרבעטער פֿאַרבאַנד

יעקב קאַהאַן, פּרעזידענט

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**

**8339 WEST THIRD STREET • LOS ANGELES, CALIF. 90048**

**Telephone: 938-3823**



**HESHBON**

*PERIODIC LITERARY REVIEW*

A. POSY, *Editor*

S. BUNYAN, Secretary

7327 El Manor Ave. — Los Angeles, Calif. 90045 — Tel 776-1956

H. BERMAN, Administrator-Treasurer

1942 Pelhom Ave. — Los Angeles, Calif. 90025 — Tel. 270-3058

SIMA KARP, Financial Secretary

1753 N. Van Ness Ave., Los Angeles, Calif. 90028 • 467-7021 or 465-9941

**Subscripton price: $5.00 per year**






# אונדזער בעל־יובל — אַלעקס ראָבין

יעדער יחיד קען מקיים זיין נאָר אַ טייל מצוות.

די מצוות וואָס זיינען אַ חיוב פֿאַר כּהנים זיינען נישט אָנגעווענדט פֿאַר ישראלים, וכדומה.

ווי אַזוי־זשע קען מען יאָ מקיים זיין דעם גרעסטן טייל פֿון די תרי״ג מצוות?

ווען מיר זיינען פֿאַראייניקט אין אַ ציבור., ווען מיר טוען אונדזערע פֿליכטן צוזאַמען. דעמאָלט איז פֿאַראַנען אַן אַחדות און מיר קענען מקיים זיין דעם רוב מצוות.

דערפֿאַר טאַקע, יעדן ש ב ת נאָך קריאַת התורה, באַלד נאָך יקום פּורקן, זאָגט מען דעם מי שברך פֿאַר דעם גאַנצן קהל, מענער, ווייבער און קינדער — פֿאַר די וואָס פֿירן דורך פֿאַרשיידענע יידישע התחייבותן און מען באַטאָנט. „כל מי שעוסק בצרכי הציבור באמונה”, אַ ברכה פֿאַר די, וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט געטריי־שאַפֿט צו פֿאַרווירקלעכן יידישע קהלשע באַדערפֿענישן.

ווען איך זאָל דאַרפֿן אָנשרייבן אַן אויסצייכענונגס־דאָקומענט פֿאַר אונדזער בעל־יובל אַלעקס ראָבין, דעם טייערן, ליבן חבר, פֿריינד און רעדאַקציע קאָנ־סולטאַנט פֿון אונדזער זשורנאַל „חשבון”, פֿאַר זיינע אויפֿטוען לטובת דעם גייסטיק־קולטורעל־געזעלשאַפֿטלעכן יידישן לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס, וואָלט איך אים באַערט מיטן פֿיר־ווערטערדיקן טיטול: „העוסק בצרכי ציבור באמונה.”

אין די דאָזיקע פֿיר ווערטער איז אָנגעשלאָסן דער קורצער פּירוש צו די פֿיל־פּאַכיקע, אָן אַ שיעורדיקע מעשים דורך וועלכע אַלעקס ראָבין האָט פֿאַראייניקט גרעסערע און קלענערע גרופּעס, כּדי זיי זאָלן איינינעם טאָן די מצוות, וואָס מיר קענען נישט דורכפֿירן ביחידות, אָבער מיר קענען זיי יאָ פֿאַרווירקלעכן בציבור.

אַלעקס ראָבין איז באַוווּסט נישט נאָר אין לאָס אַנדזשעלעס. אומעטום איבער דער פֿרייער וועלט ווו מ'שרייבט יידיש, איז זיין נאָמען באַקאַנט ווי דער יידיש קולטור־פֿאַרשפּרייטער. זיין נאָמען און הויז־אַדרעס איז אַן אינסטיטוציע פֿאַר יידישע שרייבערס. ווו נאָר אַ יידיש בוך ווערט געדרוקט ווענדט מען זיך צו אַלעקס ראָבין.

זייענדיק דער פֿאָרזיצער פֿון ל. א. ייוואָ־קאָמיטעט, איינער פֿון די פֿירערס פֿון היגן יידישן קולטור קלוב, רעדאַקציע קאָנסולטאַנט און מיטאַרבעטער פֿון „חשבון” און דער וואָס נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַלע יידישע קולטור־אָרגאַניזאַציעס, פֿאַרנעמט ער במילא און שטענדיק דעם אויבן־אָן, וואָס ער האָט דאָס ערלעך פֿאַר־דינט. ראָבינס אָפֿיציעלער אַמט אין „חשבון” איז קאָנסולטאַנט — עצה־געבער, אָבער די דעפֿיניציע — עצה־געבער — איז נישט ריכטיק. דער אמת איז: ער גיט זיך אַליין עצות נישט יענעם.

ראָבין איז נישט נאָר אַ טאה דורש נאָר ער איז איבערהויפּט אַ נאה מקיים. נישט נאָר פֿירט ער אויס בשלימות וואָס ער נעמט אויף זיך, ער טוט אָפֿט די אַרבעט וואָס אַנדערע האָבן אויף זיך גענומען.

אַלעקס ראָבין באַזיצט אַ סך און פֿאַר־טיפֿטע אינטעליגענץ און אומגעווייטלעכע פֿעאיקייטן. זיין אונטערנעמערישקייט און וויזיע, זיין כּוח הזכרון איז צו באַ־וווּנדערן! בכדי צו שפּאָרן צייט (און ווער וויל דאָס נישט?) האָב איך אויסגעפֿונען: אָנשטאָט נאָכצוזוכן אַן אַדרעס, נאָמען אָדער טעלעפֿאָן נומער, קלינג איך אָן צו אונדזער פֿריינד ראָבין און באַקום דאָס אַ סך שנעלער.

אַלעקס ראָבין איז אַן איש המעשה. ער האַלט. לא המדרש העיקר אלא המעשה.

אָט אין דעם ליגט די כאַראַקטעריסטיק פֿון דעם עסקן: ווילן! ווילן צו זיין אַק־טיוו, ווילן צו אַרבעטן, ווילן צו ווידמענען זיך לטובת הכלל. וואָס מער ווילן דער עסקן באַזיצט, אַלץ פּערפֿעקטער פֿילט ער אויס זיין פֿונקציע.

אַלעקס ראָבינס שטייגן צו די העכסטע פּאָזיציעס פֿון היגן יידישן קולטור־לעבן און זיך דערשלאָגן צו דער ערשטער מ ד ר ג ה ווי דער יידישער קולטור־עסקן, האָט ער דערגרייכט דורך דער מי פֿון אויסערגעוויינלעכער אַרבעט לטובת

אברהם גאָלאָמב

# יידישע געזעלשאַפטלעכקייט און געזעלשאַפטלעכע טוערס

(לכבוד דעם פריינד א. ראַבין, צו זיין 75טן געבוירנטאָג)

הימל און ערד און „וואָס איז יידישקייט"? אַלע רײדן און אַלע שרייבן, און אַלע שרייען, און מען געוואַלדעוועט „ווער איז אַ ייד?" אין שטעטל אַמאָל האָט אַזאַ פראַגע גאָר ניט געקאָנט זיין. ווארום „וואָס מיר זיינען, זיינען מיר / אָבער יידן זיינען מיר." עס איז געווען אַ באַזונדערע יידישע ראַם, און יעדער ייד האָט גאָר אויסער דער ראַם ניט געקאָנט לעבן, סיידן ער זאָל זיך שמדן. איצט איז עס ניטאָ קיין באַזונדערע שטייגער־ראַם, שטעלן זיך טאַקע יעדעס מאָל די פראַגע — ווער איז אַ ייד? מיט וואָס איז ער אַ ייד?

קומט אַ פרומער ייד און פסקנט: ווער עס היט די הלכה ווי זי איז פאַרשריבן, דער איז אַ ייד; קומט סאַטמאַר און פסקנט. יידן זיינען נאָר זיי, אַלע אַנדערע זיינען כופרים, כמעט משומדים, ניט ווערט וואָס די ערד טראָגט זיי. ניטאָ קיין הלכה אַז יידן מוזן אָפּהיטן דאָס לשון וואָס יידן האָבן געשאַפן, אַנטוויקלט, וואָס שרייבט זיך מיט אַ יידישן אלף־בית, ניטאָ אַזאַ דין, איז די שפראַך גאָר הפקר; אָבער אַ גרטע וואָס אַ שליח בית־דין האָט ניט געזען צי איר טבילה איז כדת, איז אַזאַ גרטע ניט קיין געכשרטע יידישקע. שטיינער וואַרפן אום שבת אויף מחללי שבת איז אַ מצווה, אָבער אַ יידישע מדינה — חס ושלום!

קומט צו גיין אַ ייד אַן עקשן און לערנט מיט מיר אַ פרשה יידישקייט: יידישקייט איז — וועגעטאַרישקייט און ניט האַלטן פון מלחמות, דאָס איז אמתע יידישקייט! אָבער געמישטע חתונות — אַדרבא ואדרבא! משה האָט געמעגט חתונה האָבן מיט אַ כושית און רות האָט אַוודאי געהאַט אַ גיור פּראָצעדור נאָך ערגער ווי אין ווין — געבליבן על פי דין אַן אמתע גויה און אַזוי ווי ביי יידן רעכענען זיך די קינדער לויט דער מוטער, איז דאָך קלאָר אַז דוד מלך ישראל, דער נעים זמירות ישראל איז אפילו ניט קיין ייד געווען על פי הלכה!

און אויב אַלע האָבן אַן אַנדער מיינונג וועגן דעם וואָס עס איז יידישקייט, וויל איך זאָגן: אַלץ וואָס אַ ייד טוט כדי צו זיין אַ ייד, אַלץ וואָס ער טוט ווייל ער איז אַ ייד — דאָס איז יידישקייט; איינער וואָס פירט אַ יידישן שטייגער דער איז אַ ייד.

יידישקייט איז אָבער זייער אַן אַלטע קולטור. אַמאָל איז געווען איין שטייגער, שפעטער אַן אַנדער. טאָ וואָסער יידישקייט איז די ריכטיקע? — ריכטיק איז די יידישקייט, דער שטייגער פון דער נאָענטסטער פאַרגאַנגענקייט. וואָס איצטיקער, אַלץ יידישער איז עס. ווען היינט וואָלט געקומען אַ ייד ווי אין דער תנ"ך־צייט, וואָלט זיין יידישקייט געווען ניט קיין ריכטיקע. ווען אחד העם, וואָס האָט אַלע מאָל געשריבן נאָר העברעיש, ווען ער איז אין 1911 געווען אין ארץ ישראל וויזיטירן די ערשטע גימנאַזיע דאָרט, האָט ער געפונען אַ דעפעקט: זיי האָדעווען — האָט ער געשרבן — פאַרצייטיקע יידן,

---

הכלל. וויל מען זיך פאָרשטעלן אונדזער יידישן קולטור־לעבן אין לאָס אַנדזשעלעס, שווימט גלייך אַרויף דער נאָמען און דאָס בילד פונעם עסקן אַלעקס ראַבין.

צו אַלע מעשים טובים פון אונדזער בעל־יובל אַלעקס ראַבין, קומען מיר — די רעדאַקציע, מיטאַרבעטערס און פאַרוואַלטערס פון „חשבון" — צוטשעפען צו זיינע לאַצן נאָך אַ בלום פון ליבשאַפט און דרך־ארץ.

מיר ווינטשן אַלעקסן און זיין ליבער פרוי שיפרה — וואָס זי איז אויך אַ מלומדת און אַ מיוחסת — אַ סך יאָרן פון געזונט, שעפערישקייט און טעטיקייט לטובת יידישער ליטעראַטור און קונסט און קולטור בכלל.

חיזקו, חיזקו ואימצו, אָמן.



זיי פאַרלייקענען די יידישקייט פון גלות, און די שלילה (פאַרלייקענונג) קען ברענגען צו מער שלילות, און ווער ווייסט ביז וואָס זיי קענען דערברענגען. דאָס האָט געשריבן אחד העם, וואָס קיינער וועט אים ניט חושד זיין, חלילה, אין יידישיזם.

רבי עקיבאס יידישקייט היינט איז ווידער ניט קיין ריכטיקע איצט. די נאָענטסטע צו אונדז יידישקייט איז די וואָס האָט אַזוי פילזייטיק געלעבט און זיך איינגעלעבט אין שטעטל. קיין נייערע יידישקייט פון נאָך דעם שטעטל האָבן מיר ניט. איז אָט די ששעטל־יידישקייט די וואָס מיר דאַרפן אַריינפּאַסן אין אונדזער לעבן אין די שטעט.

דאָס איז איין סימן פון יידישקייט. און דער צווייטער סימן איז געזעלשאַפטלעכקייט. אַ פאָלק איז אַ קאָלעקטיווער אָרגאַניזם, האָט עס קאָלעקטיווע אינטערעסן, באַדאַרפן. דאַרפן אָט־די אינטערעסן האָבן אַרבעטער וואָס טוען די קאָלעקטיווע אַרבעט.

דאָס יידישע פאָלק האָט טויזנטער יאָרן ניט געהאַט קיין מלוכה־אָרגאַניזאַציע, און דאָך האָט עס באַזאָרגט אַלע קאָלעקטיווע באַדאַרפן בעסער און אַ סך ברייטער ווי אַלע מלוכה פעלקער אַרום. צדקה (אין ביידע באַטייטן — גערעכטיקייט און שטיצן די אָרעמע), דערציונג, לערנען, היילן קראַנקע און ראַטעווען די געפאַנגענע. די און אַלע אַנדערע באַדאַרפן פון אַ קאָלעקטיוו. אָט די אַלע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן האָבן פאַרביטן די מלוכה און די געזעלשאַפטלעכע טוערס האָבן פאַרביטן אַ גאַנצע מלוכה מיט אָנגעשטעלטע. דאָס אַלץ פלעגט געטאָן ווערן ניט פאַר געצאָלט, נאָר לשם מצווה. ס'האָבן ניט געפעלט קיין טוערס פון אַלע באַדאַרפן פון קאָלעקטיוון לעבן. ביז דאָ ניט לאַנג האָבן יידן ניט געוווסט פון קיין געצאָלטע טוערס אויף אַלע געביטן פון קאָלעקטיוון לעבן. אַז מען דאַרף דינגען מענטשן זיי זאָלן טאָן געזעלשאַפטלעכע אַרבעט, איז עס אַ סימן אַז דאָס קאָלעקטיווע לעבן, דאָס באַוווסטזיין פון קאָלעקטיוו ווערט שוואַכער.

דאָ ניט לאַנג איז דורכגעפירט געוואָרן אַ גרויסער שטרייק אין גאַנץ אַמעריקע אין אַן אינסטיטוציע וואָס זאַמלט געלטער פאַר מדינת ישראל, אַ שטרייק לויט אַלע פרינציפּן — מיט פּלאַקאַטן, מיט אַלע אַנדערע מאָסמיטלען. מען האָט וועגן דעם שטרייק כמעט ניט געשריבן, ווייל עס איז געווען אַ חרפה. די געצאָלטע געזעלשאַפטלעכע טוערס נעמען אַראָפּ פון די געזאַמלטע געלטער גרויסע טיילן. מען דערציילט פון געצאָלטע ספּעציעלע „פאָנדזאַמלערס" מיט גרויסע געהאַלטן, כמעט לעגענדאַרע. אַ סימן, אַז דער קאָלעקטיווער באַוווסטזיין ווערט אָפּגעשוואַכט בכלל, אַז דאָס פאָלק הערט אויף צו זיין אַ קאָלעקטיוו.

עס פעלן לערערס אין יידישע שולן. מען דאַרף זיי אויסשרייבן פון מדינת ישראל, ווייל אין דער גרויסער אַמעריקע מיט די פופציק פּראָצענט פון גאַנצן יידישן פאָלק קען מען ניט קריגן גענוג יידישע לערערס. אין דער זעלביקער צייט זיינען יידן־לערערס פול אין די אַלגעמיינע לאַנד־שולן. ניטאָ איצט מער דער ווילן צו דינען דעם פאָלק אפילו פאַר איצטיקע גאַנץ גוטע געהאַלטן. עס ציט ניט קיין יונגע יידן, צו יידישקייט; עס ווערט שוואַכער דאָס פאָלקישע באַוווסטזיין, דער „צעמענט" וואָס בינדט צונויף באַזונדערע אינדיווידן אין איין פאָלק ווערט אַלץ שוואַכער. מיט יעדן דור ווערט אַלץ שוואַכער דער יידישער קאָלעקטיוו.

אין דער צייט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה איז מסתמא יעדער צווייטער ייד געווען אין אַמעריקע אַ געזעלשאַפטלעכער טוער צי אַן אַלגעמיינער, צי אַ פּריוואַטער, פון אַ היים־שטעטל. אייגנטלעך האָט דאָס גאַנצע יידנטום אין פוילן געלעבט מיט דער שטיצע פון אַמעריקע. דער גאַנצער „פיפּלס רעליף" האָט געקאָנט אויפקומען נאָר אַ דאַנק דער צוגעבונדנקייט פון יידן אין אַמעריקע צום יידישן קאָלעקטיוו. דער אַרבעטער רינג, דער פאַרבאַנד — דאָס אַלץ אָרגאַניזאַציעס פון פאָלק־באַוווסטזיין. זיי ווערן אָפּגעשוואַכט — אַ סימן אַז דער באַוווסטזיין פון אָנגעהעריקייט צום יידישן פאָלק ווערט שוואַכער.

ביז ווי לאַנג וועט דאָס יידישע פאָלק לעבן אין אַמעריקע? — ביז עס וועלן זיין געזעלשאַפטלעכע טוערס. פאַראַן שוין

איצט יידישע ישובים מיט יידן, וואָס זיי האָבן ניט קיין יידישע קאָלעקטיווע אינטערעסן, קיין געזעלשאַפטלעכע טוערס. באַזונדערע יידן זײַנען נאָך דאָ, אָבער עס איז שוין ניטאָ מער קיין יידישער קאָלעקטיוו, קיין גאַנץ יידיש פאָלק איז שוין ניטאָ. עס האַלט זיך נאָך אַן אַלטע טראַדיציע פון „גאָטעס דינסטן". ווערן אָנגענומען אַלע מיטלען צוצוציען יונגע יידן אין די טעמפּלען, ווערן אָנגעשטעלט ראַבאַיס, וואָס זאָלן קענען טאָן אָט די קונסט פון אַריינציען די יוגנט. און זי ציט זיך זייער ווייניק אָט די גלייכגילטיקע יוגנט. יידישע צייטונגען ווערן ווייניקער און שוואַכער. עס קומען גאָר ניט אויף קיין נייע יידישע צייטונגען אויף ענגליש. מען דאַרף זיי ניט, ווייל עס זײַנען ניטאָ קיין יידישע אינטערעסן מער. דאָס אַלץ איז אַ סימן אַז דאָס יידישע פאָלק אין אַמעריקע ווערט אָפּגעשוואַכט, גייט אונטער. יידישע קולטור, יידישקייט בכלל קען זיך האַלטן נאָר אין קאָלעקטיוון. ניטאָ דער באַוווסטזיין, ניטאָ דער ווילן צו געהערן צום יידישן קאָלעקטיוו.

איבערהויפּט שוואַך איז די וועלטלעכע יידישקייט, וואָס האָט ניט די אוראַלטע טראַדיציע פון רעליגיע, דעם יחוס פון ארץ ישראל וכדומה. איז זי אָרעם אָט די יידישקייט, דער יחוס פון יידישן לשון איז שוואַך, עס ווערט אָפּגעפּרעגט פון אַלע זייטן, מיט אַלע מיטלען. דער ערשטער סימן — עס פעלן געזעלשאַפטלעכע טוערס. ניטאָ די כיבודים וואָס עס קען געבן די אָפיציעלע רעליגיע, דער ציוניזם. אַרבעט איז דאָ אַ סך און מיטלען אַריינצוציען טוערס — אַלץ ווייניקער; האַלט זיך אַ יידישער קולטור־קלוב אויף עלטערע יידן. עס פּאַסט דאָך גאָר ניט פאַר ייִנגערע יידן אַריינצושמעקן צווישן דער „אַלטוואַרג". האַלטן זיך יידישע צייטונגען אויף די אַלטע לייענערס. יידישע ביכער קויפן נאָר יידן פון עלטערן דור, וואָס זייערע אויגן זײַנען שוין אָפּגעשוואַכט, שווער שוין צו לייענען. געזעלשאַפטלעכע טוערס — אויך שוין נאָר פון עלטערן דור. וועט זיך די לאַגע ענדערן? וועט ווערן דער דראַנג צו יידישן קאָלעקטיוו שטאַרקער? יאָ!

עס וועט זיכער קומען. אַ ראיה — יונגע יידן אין רוסלאַנד. פאַראַן אַ כוח וואָס טרײַבט יידן צו יידישקייט. איך וויל אים דאָ ניט ניט אָנרופן ביים „טרייפענעם" נאָמען...

פייערט איצט די יידיש־געזעלשאַפטלעכע יידישקייט אַ יום־טוב פאַר יידישקייט אַ יום־טוב פאַר יידיש־וועלטלעכע געזעלשאַפטלעכע טוערס. זאָלן זיי לאַנג לעבן. אַלעקס ראַבין טראָגט אין זיך די טראַדיציעס פון אַמאָליקן סלוצק, ווו ער איז געבאָרן, די יידישע עקשנות און געטרייקייט. אַלץ גיט ער אַוועק דער פּראַקטישער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. איבערגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן, טוט אין משך פון אַ סך יאָרן שוין, מסתמא אַ גאַנץ לעבן. ניטאָ, דאַכט זיך, קיין געביט ווו ער זאָל ניט זיין אַקטיוו, ניט צולייגן אַ האַנט. און ער איז פּראַקטיש. די דאָזיקע טוערס טוען אַ סך און ריידן ווייניק. כיבודים? — אָך און וויי וואָס מען האָט פון די וועלטלעכע יידן. עס ליגט אָבער אין דער נאַטור. טראַכט מען גאָר ניט „וואָס וועל איך האָבן פון דעם? וואָס וועט עס מיר געבן?" מען טוט די אַרבעט ווייל זי אַליין ציט, לאָזט ניט אָפּ. „שכר מצוה מצוה" — די אַרבעט גופא ציט, מען טראַכט גאָר ניט וועגן דעם וואָס זי קען ברענגען, וואָס זי קען געבן.

דאָס איז געזעלשאַפטלעכע אַרבעט לויטן אַלטן שטייגער, איך וואָלט געזאָגט לויטן „סלוצקער נוסח." דאַרף מען פּאַקן ביכער און פּעקלעך, פירן אויף פּאָסט, טוט מען עס; דאַרף מען טאָן אַנדערע „שוואַרצע" אַרבעט, ווערט זי געטאָן. עס גייט ניט אין „פּובליסיטי", וואָס איז אַזוי אָנגענומען אין אַמעריקע. כ'האָב געזאָגט — עס איז „סלוצקער נוסח". איז עס טאַקע אַזוי. פאַראַן ביי יידן אַן אוראַלטע טראַדיציע פון „מתן בסתר" — געבן און אויסמיידן רעקלאַמע, טומל. פאַראַן אויך געזעלשאַפטלעכע אַרבעט „בסתר", שטילע אַרבעט...

**זאָלן זיי אונדז לאַנג לעבן די געזעלשאַפטלעכע טוערס פון דעם טיפּ אַלעקס ראַבין. אָמן! זיי האַלטן אויף דעם קיום פון פאָלק.**



זלמן זילבערצווייג

# „הונדערט פּראָצענט"

(אַ פּאָר ווערטער וועגן בעל־יובל אַלעקס ראַבין)

טעלעגראַפיש וואָלט איך געזאָגט, הונדערט פּראָצענט ייד און מענטש. אויב ער האָט ערגעץ־ווו חסרונות (און דאָס איז מענטשלעך), וואָלט מען געדאַרפט אָנשטעלן אַ גאַנצע אַרמיי פון אויספאָרשערס, אַז זיי זאָלן זיי אַנטדעקן. אַזוי פאַרבאָרגן זײַנען זיי. דאַקעגן זײַנען זײַנע מעלות אַזוי אָפן, אַזוי בולט, אַז זיי סטאַרטשען כסדר אַרויס. ער איז, קודם כל, ניט נאָר אַ נאה דורש, נאָר אַ נאה מקיים. ליידער זײַנען מיר אויף טריט און שריט איבערפולט מיט שיין־ריידערס, מיט פּראַזן־שיסערס, מיט אַזוי־גערופענע פירערס און קולטור־טרעגערס, וואָס טראָגן בלויז דעם כבוד פון זייערע טיטולן, אָבער נאָך דעם ווי זיי קריגן דאָס ביסל אַנערקענונג פאַר די צוגעזאָגטע מעשים, טוען זיי גאָרניט, אויסער רייד. אַלעקס ראַבין איז אָבער אַ וואָרטסמאַן. ווען ער זאָגט עפּעס צו, ווען ער נעמט עפּעס אַ התחייבות אויף זיך, קאָנט איר זיין זיכער, אַז ער וועט זיין חוב דערפילן. ער וועט פריער ניט רוען ביז ער וועט האָבן פולשטענדיק דורכגעפירט זיין צוזאָג. ער איז אויך פון די, וואָס אַז עס קומט צו מאַטעריעלע הילף פאַר די ענינים פאַר וועלכע ער מאָנט ביי אַנדערע, הייבט ער קודם כל אָן ביי זיך אַליין, און ערשט דערנאָך קריגט ער מוט צו מאָנען ביי אַנדערע.

אַלעקס ראַבין איז אַן אויסגעצייכנטער אָרגאַניזאַטאָר. זיין געזונטע לאָגיק העלפט אים אין דעם. ער איז פעיק צו געפינען לייזונגען אין קאָמפּליצירטע מאָמענטן, און דורך דעם דערגרייכט ער אַ סך מיטהילף אין אויסקומען מיט קהל, און קאָנען זאַמלען אַרום זיך מענטשן מיט וועלכע ער קאָן אַרבעטן פאַר ענינים, וואָס זײַנען אים צום האַרצן, און ער האָט אַ ברייט האַרץ, וואָס קלאַפּט פאַר אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט יידיש לעבן: שולן, ביכער, פּרעסע, קולטור־אָוונטן, קונסט און מדינת ישראל.

האָט עקזיסטירט אין לאָס אַנדזשעלעס אַ יידישע מיטלשול, וואָס האָט פאַראייניקט רעכטס און לינקס און געגעבן די תלמידים אַ שטיקל תפיסה און אַן אַריינדרינג אין יידישער געשיכטע און אין יידישקייט בכלל, איז ראַבין דאָרט געווען אַריינגעטאָן מיט לייב און לעבן.

דאַרף מען ברענגען אַ יידישן לעקטאָר, דאַרף מען פאַרקויפן בילעטן פאַר אַ יידישער קינסטלערישער אונטערנעמונג, דאַרף מען מקבל פנים זיין אַ יידישן שרייבער, שאַפן אַרום אים אַן אינטימע סביבה, דאַרף מען פאַרקויפן זײַנע ביכער, איז ראַבין פון די ראשונים.

האָט זיך געשאַפן אין מדינת ישראל דער י. ל. פּרץ פאַרלאַג און מ'האָט געדאַרפט פאַר אים אַבאָנענטן און קונים, האָט זיך ראַבין אין דעם אַריינגעוואָרפן מיט אַ גוואַלדיקער איבערגעגעבנקייט. ער האָט געהאַט דערביי אַ טאָפּלטע כוונה: מעגלעך מאַכן דאָס דערשיינען פון ביכער אין יידיש און — מאַכן מדינת ישראל פאַר אַ מאַרק, אַ באַזע פון יידישן פאַרלאַגס־וועזן.

האָט זיך געשאַפן אַ פּראָיעקט אויפצושטעלן אַ לייוויק־הויז אין מדינת ישראל, ווו עס זאָל געטאָן ווערן יידישע קולטור־אַרבעט אויף יידיש כדי ווייטער ממשיך זיין לייוויקס קוק אויף יידיש, ווי אויף אַ שפּראַך פון קדושים און אַ בריק צווישן מדינת ישראל און די גלות־לענדער — איז ראַבין געווען פון די „רואה ואינו נראה", הינטער די קוליסן געטאָן די האַמעטנע אַרבעט פון שאַפן די נייטיקע ביישטייערערס פאַר דעם קולטור־בנין.

אַלעקס ראַבין איז, ווי אַ סך פון אונדזערע מענטשן, ניט געבוירן אין אַמעריקע, נאָר אַ געקומענער פון יענער זייט ים, און געקומען איז ער דווקא ניט פון אַ יידישיסטישער סביבה, און אַ סך יאָרן אין אַמעריקע האָט ער געלעבט אין אַן אַטמאָספערע, וואָס אַז געווען גאַנץ ווייט פון יידישן לשון. אָבער עפּעס ווי פון אַ טיפן קוואַל האָט גענומען פון אים אַרויסקוואַלן אַ ליבשאַפט און פאַרערונג פאַר

יידיש, און דער רעזולטאַט איז געוואָרן, אַז ניט טראָגנדיק דעם אָפיציעלן טיטל פון אַ יידישיסט, איז ער געוואָרן אַ 100 פראָצענטיקער פאַקטישער יידישיסט. דאָס דריקט זיך אויס אין מעשים לטובת יידיש. און דעריבער איז זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די ייוו״אָ (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט), די קרוין פון יידיש־קולטור, האָט אין אים איינעם פון די געטרייסטע און אַקטיווסטע מיטאַרבעטערס. ער לאָזט ניט דורך קיין איין זיצונג פון קאָמיטעט און באַטייליקט זיך אין אַלע אונטערנעמונגען. איצט, ווען ער נעמט טראָגן אויף זיך דעם מאַנטל פון פאָרזיצער פונעם ל. א. ייוואָ אָפטייל, וועט ער זיכער נאָך מער, אויב מען קאָן, פאַרשטאַרקן זיין פאַרבינדונג מיט דער גרויסער קולטור־אינסטיטוציע. לעצטנס איז ראָבין צוגעטראָטן צום אַקטיוו פון לאָקאַלן יידישן קולטור־קלוב און מיט גרויס טאַקט און פאַרשטענדעניש פירט ער אָן מיט אַ טייל פון זיינע אונטערנעמונגען און ער באַטייליקט זיך אין אַלע טעטיקייטן פון קלוב, גאַנץ באַזונדערס בנוגע דעם זשורנאַל „חשבון״.

אַלעקס ראָבין האָט דערגרייכט אַן עלטער, ווען אַ סך נעמען שוין רוען אויף זייערע לאָרבער־קרענץ, אָבער ניט ער. ראָבין איז פון די געזעלשאַפטלעכע עסקנים, וואָס רוען ניט. זיין גרויסער אינטערעס צו יידישקייט, פאַר יידישן קיום, פאַר יידישער קולטור, רופן ביי אים אַרויס אַ ריזיקן אומרו, וואָס שטילט זיך נאָר אין מעשים.

ווינטשן מיר אים, אַז דער דאָזיקער אומרו זאָל אָנהאַלטן ביי אים נאָך אַ סך יאָרן און ער זאָל קאָנען געזונטערהייט, מיט זיין מישפחה, טאָן זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

## צו פר׳ אַלעקס ראָבין
אין לאָס אַנגעלעס:

איך וואָלט בפירוש געוואָלט זיך באַטייליקן אין דער פייערונג פאַר אייער כבוד וועגן, האַרציקער פריינד אַלעקס ראָבין, ווייל איך רעפּרעזענטירט דעם אויטענטישן עוסק בצרכי ציבור באמונה אויף אונדזער קולטור־פעלד, ווו ס׳איז דאָ אַ סך פעלד און ווייניק אַפּעטיט פאַר קולטור.

מיר איז באַשערט געווען צו געניסן פון אייער גאַסטפריינדלעכער קאָאָפּעראַציע פאַר מוסטערווערק און דערפאַר, אַז עס קומט מיר אויפן זינען לאָס אַנגעלעס, קומען מיר באַלד פאַר די אויגן עטלעכע מחייהדיקע קולטור־טוערס, וועלכע טוען מער ווי זיי ריידן, און איר זייט צווישן זיי.

נעמט דעריבער אַריין אויך מיינע ברכות אין דעם קראַנץ וואָס אייערע פריינד טראָגן אייך איצט אונטער.

אייער,

**שמואל ראָזשאַנסקי**
בוענאָס איירעס

## אַ דאַנק צו חבר אַלעקס ראָבין

אין נאָמען פון קאָמיטעט, וואָס האָט געפּלאַנט און אַרויסגעגעבן דעם ספר־היובל לכבוד דעם דערציער, שרייבער און דענקער, אברהם גאָלאָמב, דריק איך אויס אַ האַרציקן יישר־כוח צו אונדזער סעקרעטאַר, אַלעקס ראָבין, פאַר זיין איבערגעגעבענער אַרבעט און גרויסע באַביאונגען. דורך זיין טעטיקייט איז אונדז געלונגען צו דערפירן דעם פּראָיעקט צו אַ גרויסן דערפאָלג. דער ספר־היובל איז באַלד אויספאַרקויפט געוואָרן און איז נישט מער צו באַקומען.

גלייכצייטיק ווינטשט דער קאָמיטעט אַלעקסן, צו דער געלעגנהייט פון זיין אַלט ווערן פינף־און־זיבעציק יאָר, ער זאָל זיך עלטערן מיט זיין טייערער שפרה אין געזונט, נחת און הרחבת הדעת און ווייטער זיך באַטייליקן אין אַלע יידישע קולטורעלע אַקטיוויטעטן.

**משה שטאַרקמאַן**, רעדאַקטאָר פון
„אברהם גאָלאָמב יובל־בוך״
יאַנואַר, 1972.



משה שטאַרקמאַן / ניו־יאָרק

# אליהו ראָבין, דער שליח פון אהבת ישראל

אַלע רופן אים ביים אַנגליזירטן פאָרנאָמען „אַלעקס״, אָבער איך, אַז איך שמועס מיט אים אָדער אַז איך שרייב צו אים, רוף איך אים יידישלעך „ר׳ אליהו״. דער נאָמען איז אָנגעמאָסן אויף אים, ווייל פונקט ווי דער ערשטער אליהו — אליהו הנביא — פירט ער אויס שליחותן, וואָס ווייזן אויף אהבת ישראל, אויף ליבשאַפט צו כלל ישראל. זיינע שליחותן האָבן בעיקר צו טאָן מיט רוחניותדיקע ענינים, מיט גייסטיקייט — ווי ברענגען לעקטאָרן צו יידישע אָרגאַניזאַציעס, העלפן אַרויסגעבן יידישע ביכער און פאַרשפרייטן זיי. אויף מאָדערנעם יידיש רופט מען אַזאַ איינעם „קולטור־טוער״. קולטור־טועריי איז נישט קיין גרינגע אַרבעט, פאַרקערט — זי געהערט צו די סאַמע שווערסטע יאָכן, וואָס אַ מענטש קען נעמען אויף זיך, ווייל זי איז פאַרבונדן אי מיט גייסטיקער אָנשטרענגונג, אי מיט פיזישער האָרעוואַניע, יומם ולילה.

אויספירלעך מאַכט אליהו ראָבין דעם איינדרוק פון אַ קילן, ניכטערן מענטש — אָבער דאָס איז בלויז אַן אויבנאויפיקער איינדרוק און איז מצד אים אַן אופן פון באַהאַלטן זיין נשמהדיקע שטורעמדיקע ליבשאַפט צו יידישע ווערטן, צו זייערע שאַפערס און צום ציבור יידישע פאָלקס־מענטשן. מיר איז ניט באַקאַנט צי אליהו ראָבין האָט וועלכע־עס־איז פערזענלעכע שייכות צו חסידות — אָבער וואָס ער זאָל ניט טאָן אויף אַן אויסערלעך־רואיקן אופן, טוט ער דאָס מיט אַן אינעווייניקסטן חסידישן ברען, מיט דבקות און התלהבות פון אַ צעשטורעמטער זעל.

דער באַגרינדער פון חסידות, רבי ישראל בעל שם טוב, האָט געלעבט מיט זיינע תלמידים, און די תלמידים האָבן דאָס איבערגעגעבן צו זייערע אייגענע תלמידים, אַז איטלעכער ייד איז אַראָפגעשיקט געוואָרן אויף דער וועלט, כדי דורך שליחותן מתקן צו זיין די אייגענע נשמה און די נשמות פון אַנדערע יידן דורך פאַרקניפן און פאַרבינדן זיך מיט זיי. רבי יחיאל מיכל פון זלאָטשעוו האָט אַזוי געזאָגט: „איך קניפ זיך אָן אין דעם כלל־ישראל — מיט די גרעסערע, אַז זיי זאָלן מיך דערהייבן, און מיט די קלענערע, אַז זיי זאָלן דערהייבן ווערן דורך מיר.״ דורך זיינע פאַרבינדונגען מיט די שאַפערס פון יידישע קולטור־ווערטן, איז ר׳ אליהו ראָבין דערהייבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַן אידעאַליסטישן עסקן בצרכי הציבור, און דורך זיין ברענגען יידישע פאָלקס־מענטשן צו די חיותדיקע קוואַלן פון יידישער רוחניות, האָט ער זיי גייסטיק דערהויבן צו מדרגות, וואָס זיי וואָלטן אָן אים נישט געווען דערגרייכט.

אין דעם זינען איז אליהו ראָבין אַ זוכה ומזכה את הרבים. ער צילט צו דערגרייכן תמיד, ניט אַ באַשטימטע גרופע פון אַ באַשטימטער באַוועגונג, נייערט אַלע מינים יידן, וואָס ס׳איז מעגלעך זיי צו דערגרייכן פאַר יידישע גייסטיקע כלל־אינטערעסן. זיינע טעטיקייטן זיינען אָפט מאָל שווערע ווי קריעת ים־סוף, אָבער זיי זיינען אויך אַ באַשטעטיקונג פון פירוש, וואָס דער בעל „דברי חיים״, דער צאַנזער רב, ר׳ חיים האַלבערשטאַם, האָט געגעבן צום נס פון קריעת ים־סוף. ר׳ חיים האָט אַזוי געטייטשט: „אַז דער ים־סוף האָט זיך געשפאָלטן פאַר די יוצאי מצרים, האָבן די וואַסערן געשאַפן אַ באַזונדערן וועג פאַר איטלעכן איינצלנעם שבט, כדי יעדער יידישער יחיד זאָל האָבן אַ חלק אין דעם נס.״ אליהו ראָבין צילט צו דעם, אַז איטלעכער ייד, ווען ער קען דערגרייכן, זאָל געניסן פון די ניסימדיקע דערגרייכונגען פון דער יידישער קולטור.

יידישע קולטור־טרעגעריי איז טאַקע בפירוש פאַרבונדן מיט טרעגערישער אַרבעט — און ראָבין טראָגט ממש און ברענגט צו יידישע יחידים די יידישע קולטור־פראָדוקציע. די דאָזיקע טרעגעריי איז אַ קאָנקרעטער פירוש צו אַ פסוק פון דער תורה: „כי עבודת הקודש עליהם בכתף ישאו״ (במדבר ז׳, ט׳) — „וואָרום דער דינסט פון די הייליקע זאַכן איז גע־

ווען אויף זיי — די לוויים; אויפן אַקסל האָבן זיי געדאַרפט טראָגן.״

אונדזער אַרטיקל וועגן ר׳ אליהו ראָבין אינעם נומער „חשבון״ לכבוד אים איז שוין דער דריטער פאַל פון מיין טרעפן זיך מיט אים אונטערן דאַך פון אַ באַשטימטער ליטעראַרישער אכסניה. צום ערשטן מאָל איז דאָס געווען אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־למחמה, ווען ס׳זיינען געשאַפן געוואָרן פאָנדן כדי אַרויסצוגעבן אונטער מיין רעדאַקציע די „המשך״־אַנטאַלאָגיע פון 25 יאָר יידישע דיכטונג אין אַמעריקע. פון די ערשטע קולטור־עסקנים זיך אָפּצורופן איז געווען אליהו ראָבין, דעמאָלט אַ תושב אין דזשעקסאָנוויל, פלאָרידע. אַז די אַנטאַלאָגיע „המשך״ אַזי אַרויס אין 1945, איז אין אַן אַריינפיר־באַמערקונג איינגעשלאָסן געוואָרן אַ רשימה פון די וואָס האָבן דערמעגלעכט, אַז די אַנטאַלאָגיע זאָל קענען דערשיינען — און צווישן יענע „ראשונים״ ווערט דערמאָנט אויך דער דזשעקסאָנווילער יידישער קולטוריסט ראָבין.

ווי אַזוי איז עס געשען, אַז די אַנטאָלאָגיע זאָל האָבן אַזאַ גרויסן אָפּגאַנג, אַז מען זאָל קורץ נאָך איר אָפּגעדרוקט ווערן נישט קענען קריגן קיין עקזעמפּלאַרן?

ווען מען האָט געעפנט די לאַגערן פאַר דער שארית הפליטה נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט מען געבעטן ביי דער גרופּע, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די זאַמלביכער „המשך״, אַז מען זאָל שיקן די אַנטאָלאָגיע צו די פליטים־לאַגערן. אַזוי ווי „המשך״ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך אידעאַליסטישע מנדבים, האָט מען דעם רוב עקזעמפּלאַרן אַוועקגעשיקט צו די געראַטעוועטע יידן, וואָס זיינען געווען אויסגעהונגערט נאָך אַ געדרוקט יידיש וואָרט — און אַזוי אַרום האָט ראָבין, צוזאַמען מיט די אַנדערע מנדבים, זוכה געווען צו באַזאָרגן די געראַטעוועטע יידן מיט די שאַפונגען פון 50 יידישע פּאָעטן — אַרויסבאַגלייט דורך זייערע ביאָגראַפיעס און בילדער — פּאָעטן, וואָס צווישן זיי האָבן זיך געפונען אַ צאָל, וועלכע זיינען שוין איצטער אויפן עולם האמת: ב. אַלקוויט, יעקב גלאַטשטיין, ציליע דראַפּקין, בעריש וויינשטיין, אברהם טוועדסקי, אלף כץ, נ. ב. מינקאָוו, ל. פיינבערג, י. ל. קאַלושינער, אבא שטאָלצענבערג, און נאָך אַנדערע.

אונדזער צווייטע באַגעגעניש אונטער איין דאַך פון אַ ליטעראַרישער אַכסניא איז געשען אין יידיש־העברעישן זאַמלבוך „חסד לאברהם״, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צום 80־יאָריקן יובל פון אַברהם גאָלאָמב, אונטער מיין רעדאַקציע. דער יובל־קאָמיטעט, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם „חסד לאברהם״, איז געזעסן אין לאָס אַנזשעלעס; דער רעדאַקטאָר איז געזעסן אין ניו־יאָרק; נאָך מיטלען אַרויסצוגעבן דאָס יובל־בוך האָט מען זיך געווענדט צו יחידים אין די פאַרשיידנסטע מקומות, און ווי אנטיילנעמערס האָט מען פאַרבעטן שרייבערס און פאָרשערס פון אַלע עקן תפוצות ישראל און פון מדינת ישראל. דאָס יובל־בוך האָט זיך געדרוקט אין מעקסיקאָ און וואָס לענגער עס איז צוגעגאַנגען דער דרוק־פּראָצעס אַלץ מער איז געוואַקסן די צאָל אנטיילנעמערס און אַלץ גרעסער זיינען געוואָרן די דרוק־הוצאות. אַרויסגעגעבן דאָס יובל־בוך איז ממש געווען פאַרבונדן מיט קריעת ים־סוף — און אויב „חסד לאברהם״ איז פאָרט אַרויס, האָט מען דאָס היפּש צו פאַרדאַנקען אויך דעם פאַקט, וואָס אליהו ראָבין איז געווען דער אָנפירער פון יובל־קאָמיטעט. וועגן דעם קענען דערציילן אַ סך פּרטים עטלעכע פון ראָבינס אַרויסהעלפערס, צווישן זיי זאב סאַליס, העניך בערמאַן, זלמן זילבערצווייג און אַנדערע. אַן עסיי געשריבן פון אליהו ראָבין באַשיינט דעם גאָלאָמב יובל־בוך.

איך בין זיך משער, אַז אליהו ראָבין האָט געהאַט אַ חלק אין דעם, וואָס מען האָט מיך מכבד געווען מיט דער רעדאַקטאָרשאַפט פון „חסד לאברהם״. מיט אַ יאָר פריער האָט מען, אויף דער איניציאַטיווע פון רבקה גאָלאָמב, מיך פאַרבעטן אויף אַ ציקל לעקציעס אין לאָס אַנדזשעלעס, און באַלד נאָכן אַראָפּגיין פון עראָפּלאַן, בין איך אַריינגעפאַלן אין ראָבינס הענט. ער האָט דאָס געהאַט געמאַכט אַלע קאָנטאַקטן מיט יידישע אָרגאַניזאַציעס און קלובן, און ער איז געווען דער „אימפּרעסאַריאָ״. טאַקע ביים אָנקומען אויפן לאָס אַנדזשעלעסער לופטפּאָרט, האָב איך



זיך באַקענט מיט דעם דאָזיקן אידעאַליסט, וואָס איז געווען פון די „ראשונים״ צו דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פון מיין „המשך״־אַנטאָלאָגיע.

און איצטער האָב איך די געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט אליהו ראָבין צום דריטן מאָל אונטער איין דאַך פון אַ ליטעראַרישער אַכסניא — אין ספּעציעלן נומער „חשבון״ לכבוד אים. אויב מען מעג אויסזאָגן אַ „סוד פון דער רעדאַקציע״, דערמאָן איך מיט שטאָלץ, אַז איך האָב דאָס פאַרטראַכט דעם פּלאַן, אַז מען זאָל אַרויסגעבן דעם דאָזיקן נומער לכבוד אים. פאַרדינסטפולע יידישע קולטור־טוערס זיינען אויך ווערט, פונקט ווי שרייבערס, אַז מען זאָל זיי אָפּשאַצן פאַר דער אייביקייט.

אשת חבר הרי היא כחבר, און אַז מיר באַגריסן ר׳ אליהו ראָבין, לאָמיר אויך באַגריסן זיין לעבנס־באַגלייטערין שפרה, וואָס אויף איר חלק פאַלן אויס אַ סך פון ראָבינס אויפטוען צו באַרייכערן און פּאָפּולאַריזירן די יידישע קולטור ביים דערפילן זיינע שליחותן פון אהבת ישראל.

## באַגריסונג פון יודל מאַרק

איך און מיין פייגל האָבן אים באמת זייער ליב און פילן זיך ביז גאָר נאָענט צו אים. ער איז אַ טוער און אַן אויפטוער אויף זיין פיינעם און איידעלן און שטילן אופן. ער יאָגט זיך ניט קיין מאָל נאָך כבוד און נאָך כיבודים, זיך ניט גערוקט אויבן־אָן, נאָר תמיד פאַרקאַטשעט ער די אַרבל און ער נעמט זיך צו דעם וואָס די שעה פאָדערט און פאַרלאַנגט פון אים. צו אַן אַרבעט איז ער תמיד פון די ערשטע. ער פאָדערט ניט און פאַרלאַנגט ניט קיין דאַנק פון קיינעם. זיינע שטילע, פאַמעלעכע רייד זיינען תמיד דורכגענומען מיטן שכל הישר, אָן שום טראַסק, אָן שום אָנשטעל. ער האָט אַ טבע צו פאַרבייגן, צו פאַרלאָזן זיינע אייגענע געשעפטן, ווען מען דאַרף זיך נעמען צו עטוואָס וואָס איז דירעקט אָדער אומדירעקט פאַרבונדן מיט יידישער קולטור־אַרבעט. ער איז דער גוטער, געטרייער חבר — אַנדערש פאַרשטייט ער גאָרניט. ווען איך טראַכט וועגן אונדזערע טוערס אין פאַרשיידענע שטעט און לענדער איז מיר שווער צו געפינען עמיצן, וואָס זאָל האָבן אַלע זיינע איידעלע מעלות און זיי פאַרבינדן מיט פּראַקטישער אַרבעט.

זאָל ער זיין געזונט, שטאַרק און געבענטשט מיט אַריכת ימים און אָפּהיטן ביזן לעצטן טאָג זיינע וווּנדערלעכע אייגנשאַפטן.

**יודל און פייגל מאַרק**

## באַגריסונג צו אַלעקס ראָבין

מיט פרייד שיק איך איבער מיינע האַרציקסטע ברכות צום 75סטן געבוירנטאָג פון מיין פריינד אַלעקס ראָבין.

אַלעקס ראָבין געהערט צו די שטילע, עכטע, אומאָפּהענגיקע קולטור־מענטשן, וואָס ווערן נישט נתפעל פון עפּאָלעטן און עטאַבלירטע רעפּוטאַציעס; ער טראַכט מיטן אייגענעם קאָפּ. זייענדיק פאַרליבט אין דער יידישער קולטור, איז ער גלייכצייטיק אַ קענער פון אַמעריקאַנער קולטור און פון דער צייט אין וועלכער מיר לעבן; וואַגט ער דערפאַר צו זיין אַ נאָנקאָנפאָרמיסט אפילו אין דעם אייגענעם קרייז — און דאָס איז אַ זעלטענע דערשיינונג אין אונדזער קאָנפאָרמיסטישער וועלט. ער איז אַ וואַרעמער מענטש, ראַפינירט, טאַקטפול — אַ דזשענטלמאַן אין פולן זין פון וואָרט.

זאָל אים און זיין ליבער פרוי שפרה נאָך באַשערט זיין אַ סך גליקלעכע יאָרן.

מיט וואַרעמער פריינדשאַפט,

**שואל גוטמאַן**
(שלום עליכם פאָלק אינסטיטוט, ניו־יאָרק)

*Greetings from*

**SCHWARTZ PRINTING CO.**

773 Kohler St. • Los Angeles, Calif.

Tel. 624-9378

זאב סאליס

# אליהו המכונה אַלקס ראָבין

אני חושב לי צדקה וזכות להצטרף אל המספר העצום של קהל־המברכים המפרסמים את ברכותיהם ב„חשבון” במלאת לידידנו־חברנו, אליהו המכונה אלקס רָאָבין, חמש ושבעים שנה.

רבים הם ידידי־אַלקס בין אחינו בני ישראל הנחתים בארצות־הגויים ולא נתערבו בהם והם שומרים על נחלת יצירת תרבותנו המקורית ביידיש, שלא תכבה על אף התנאים הקשים והסביבה העויינת של החברה והתרבות הזרה לגוייהם ולשונותם. ישיבת היהודים בארצות שתרבותן חזקה קורעת מעמנו את הבשר החי, את בנינו ובנותינו — ועינינו רואות וכלות. אַך לאָשרנו עוד נמצאים שרידי־סגולה שאינם חסים על הונם ואונם ומקדישים זמנם ומרצם ועושים לילות כימים, ועל ידם זכינו שיתפרסמו ויראו אור יצירותיהם של משוררים ומספרים מובהקים ביידיש. הודות לעמלם הרב של אנשי מעשה דגולים אלה, הרבה ערכים תרבותיים ניצולים מתהום הנשיה. — אחד מאנשי סגולה אלה הוא חברנו אליהו־אַלקס ראָבין.

נתמזל לי להכיר את אַלקס אך לפני שנים מספר, ואני חושב לי לעוון בל יכופר שלא השתדלתי לחזר אַחריו, כדי להיפגש עם האדם היקר הזה, מיד בבואי ללוס אנג׳לס בשנת 1957. אָכן את שמו הטוב שמעתי גם אָז, אַך לצערי חשבתי, כי אַלקס שייך לאותה כת המגבילה עצמה באחת ממפלגות ישראל המעלימה עין מצרת כלל ישראל. אודה בגלוי, כי מרבותי קיבלתי, כי כל המטיל פילוג ופיצול בעמנו, הריהו חוטא ומחטיא. עמנו היה, הווה ויהיה גוי אחד בארץ. זהו כלל גדול.

אָמנם לאחר שהכרתי לדעת את אַלקס מקרוב, בהיותנו שותפים לעבודה בהוצאת ספרי ידידנו המנוח חיים רוטבלט בעברית ויידיש, נוכחתי, כי אַלקס אינו שייך לאותו סוג יהודים הפוסלים יצירות ספרותיות שנכתבו על ידי סופרים יהודיים בלשונות הגויים אף על פי שתכנן ומגמתם מוסיפים כבוד וגדולה לעמנו בקרב האנושות הנאורה. ביתר ייחוד הוא מוקיר ומחשיב יצירות עבריות, ואולם לרגלי סיבות מעשיות, ואולי גם נפשיות, הוא ייחד לעצמו את שדה־היצירה התרבותי בשפת יידיש, שחיבה יתרה נודעת לה ממנו.

אַלקס מגלה יחס חם ולבבי להוגי דעות העברים של תקופת ימי־הביניים, בייסוד החברה „המשך” וביסוסה, שבה נלמדים ספריהם של חכמי ישראל בדורות הקודמים, אַלקס לקח ולוקח חלק נכר וחשוב. התקרבתי אל אַלקס במיוחד משעה שידידי־המחנך המפורסם, הסופר אברהם גולומב בלוס אנג׳לס, החליטו להוציא לאור „ספר יובל” לכבודו במלאת לו שמונים שנה. בראותי את מסירותו של אַלקס למפעל וחוך לבו בשעת העבודה הקשה, כדי לסיים אותו בכי טוב — ואָמנם הצליחה הוועדה, שגם אני הקטן השתתפתי בה, למלא את המשימה שקיבלה על עצמה בשלמות, הודות לזריזותו וחריצותו של אַלקס — כרתי עמו ברית־ידידות, ואקווה, כי עוד נוסיף לעבוד שכם אחד כשיזדמן לפנינו איזה מפעל תרבותי שבו נוכל להביא, כפי יכלתנו הדלה, תועלת־מה להרחבת האופק הרוחני של חלקי־עמנו מסויימים.

איני בא לתאר את מהלך חייו של אלקס ואת יחוס־משפחתו, ואין מתפקידי לתנות את מעשי־הצדקה שלו ואת עבודתו הפוריה בתוך החברה המפלגתית שהוא משתייך אליה. עשו ויעשו זאת ידידיו וחבריו המרובים המכירים אותו מצדדים אלה. כוונתי היא להגיד לקוראי־„חשבון” בשומבי, בשעת־כושר זו, איך אַלקס נתגלה אלי תוך חמש השנים האחרונות בערך. אני מבקש סליחת הקוראים, אם ימצאו בדברי מקצת מן ההפלגה. אני, כשלעצמי, סבורני שאינו כן. — הדברים כנים ואמתיים. —

ראיתי באלקס מין מזיגה של שני כוחות תרבותיים עצומים השולטים ברחבי ספרותנו הגדולה: הלכה ואגדה. „הלכה” היא, לפי הגדרת ר׳ נחמן קראָכמאַל, קיום



מצוות מעשיות, ו„אגדה” — לימוד מידות טובות, מוסר ודעות ישרות. שני כוחות אלה התמזגו יחד באלקס למזיגה יפה. ה„הלכה” שהיא מידת הדין — אַלקס ממלא אותה בקפדנות יתרה — ועל המצוות שבין אָדם לחברו אין אַלקס מוותר אפילו על קוצו של יוד. אָכן מצד שני הוא נוהג בחיים במידת הרחמים לפי תורת ה„אגדה” הוותרנית.

ונודע הוא, אַלקס, בין חבריו כיהודי נלבב, שהלב שולט בו ובמעשיו שליטה גמורה. לבו ער, חושב ומרגיש, דואג ליחיד ולכלל. כאשר אַלקס מקבל על עצמו תפקיד חברתי־תרבותי או דבר של מעשה צדקה לעמית עלוב, מיד הוא מפעיל את תכונות לבו החושב והמרגיש. קודם כול הוא מתכנן תכניות מעשיות, שיש בכוחן להוציא את המפעל מכוח אל הפועל — ולבו הרגיש לא יתננו להתעצל במלאכתו — ואַלקס לא ישקוט כי אם כילה הדבר בכי טוב.

אַלקס חס על כבוד־חברו והוא זהיר בדבריו שלא להוציא מפיו דברים של גנאי כלפי אחרים. חבריו מתרשמים מדיבורו הנאה, והוא יודע לערוך את רעיונותיו בסדר נאות ולהסבירם בצורה נאה. תכונות תרומיות אלה עוזרות לו בעבודתו הענפה למען רכישת חברים מסייעים ואמצעים כספיים, כדי להביא לידי גמר טוב כל מפעל חברתי או תרבותי שקיבל על עצמו.

לכאורה נראה לנו, כי „הלכה” — שלטון השכל ו„אגדה” — שלטון הרגש, הם שני הפכים, אבל הדבר אינו כן. לאמיתו של דבר הם שניים שהם אחד, כשם שהקרח והמים שבנהרות היינו הך, אלא בגלל פעולות טבעיות — צורותיהם שונות לפרקים. אופיו של אַלקס מקיים הסבר זה. השכל והרגש דרים אצלו בכפיפה אחת בשלום.

נזכר אני בשלושה אישים דגולים בדברי ימי־ישראל, ושמות כולם „אליהו”. ש ל ו ש ת ם השאירו רשמים עמוקים ב ח י י ע מ נ ו. אומנם מידת העומק אינה שווה בכולם, אַך השפעת דרכי־חייהם על הדורות ותורתם מורגשת גם בימינו. אליהו הראשון הוא: אליהו הנביא, המתואר בכתבי הקודש כנביא־החסד והרחמים ועיניו צופיות תמיד לבוא לעזרת ישראל, הכלל והפרט. לדעתי ירש אַלקס שלנו, המכונה אַלקס, מקצת ממידותיו הנעלות. השני הוא אליהו בחור, מראשוני הסופרים ביידיש וחובב לשון־השבט האשכנזי של עמנו. ממנו קיבל אליהו שלנו חיבת לשון־יידיש וספרותה; והשלישי הוא רבנו אליהו מווילנא, המכונה בפי כול „ה ג ר ״ א”, היינו, הגאון רבי אליהו, אשר תיקן את הנוסחאות המוטעות שבתלמוד בבלי וניפה אותו משגיאות ומטעויות־הדפוס שנפלו בו במשך הדורות — והכול מתוך שיקול דעת הגיוני, ועל־ידי כך איפשר ללומדי „גמרא” הבנת סוגיות קשות, שהיו סתומות עד זמנו. בדעתו הצלולה צלל במעמקי־ים־התלמוד ובחריפות שכלו בחן את דברי חז״ל, והכיר לדעת אותו בפנימיותו ובדרך שימוש לשונו עד כדי כך, שהיה בטוח כי יש למחוק כמה מלים בודדות ולהחליפן באחרות או למחוקן לגמרי ולפעמים להוסיף מלים אחרות — ותמיד היו התיקונים קולעים. אחר פטירתו של הגאון נתגלו כמה מסכתות מן התלמוד בבלי בכתב־יד ורוב התיקונים נתאמתו, אף על פי שנעשו על ידי הגר״א רק בסברתו הבהירה בלבד. רבנו אליהו נתן לבו גם לדקדוק לשון המקרא, לניקוד תיבות התורה ומשקליהן, וחיבר ספר בשם „דקדוקי התורה” שנשאר ממנו בכתובים רק חלק קטן. בנו, הגאון ר׳ אברהם, סידר את הכתב־יד והוציאו לאור בשנת תרל״ו.

אף אלקס שלנו כך. הוא הולך בעקבות „בר־קרתא” שלו במדינת ליטא, ואף הוא שומר נפשו משפת־יתר ומתרחק בלשונו הזכה מן השגיאות השכיחות לרוב בין דוברי יידיש. באליהו־אַלקס נתאחדו שלוש מידות אלה: א׳ — מידת החסד והרחמים; ב׳ — אהבת לשון יידיש וספרותה; ג׳ — ניסוח הרעיון ושמירת הלשון הבהירה.

ובמלאת לידידי וחברי, אליהו המכונה אַלקס ראָבין, חמש ושבעים שנה, הריני מברכהו בשמי, בשם אשתי רבקה ובשם חבריו בחברת „המשך”, שגם ידו היתה ועודנה היא תומכת ומקיימת אותה — שיזכה ביחד עם אשתו המשכילה, שפרה, לראות בטוב ירושלים, בהצלחת מדינת ישראל, בשלומה ובשלום כל העולם כולו. יהי רצון שירווה נחת מצאצאיו ומכל בני משפחתו הנעימים והנאהבים.

# לכבוד אליהו רובין שלום רב!

איחולים לבביים לכבוד חג היובל השבעים וחמש שלך.

אני מביע את האיחולים הללו בערבוב רגשני: כידיד אמיתי שאני מעריך ומעריץ, וכגיסי האָהוב עלי במידה מעולה, הרבה יותר מרגיל, אני משתתף עם כל חבריך ומכיריך בעולם הספרותי והתרבותי בכלל ובשדה המעסיקים בספרות היידיש בפרט. וכמוהם גם אני מתגאה במעשיך ופעולותיך המצויינים.

איני יכול לתפוס את התוצאות של השפעתך על הדורות אילו היתה לך היכולת להאציל מעוצמך וממרצך על החיים התרבותיים שלנו, ואילו יכולת במשך הדורות לתרום מהמחסן הרוחני המלא שלך על רקע החינוך היהודי באמריקה. אבל כנראה זאת אי אפשר לשנות, ולכן אני מודה לאל שהגעת לגיל של זיקנה עם עבר עשיר במלחמת קודש ועם ביצועים משכללים ומחוננים. לחמת ונצחת במידה מסויימת. תוקף עמידתך וקשה ערפך המחוננת במוסר עליון עזרו לך בלבטך בעד חזיונותיך ורעיונותיך. נשאת את שלהבת האש שבלבך בכל מקום ובכל פינה שהיית, ולא נכנעת לחיי הסביבה. שחית נגד הזרם באומץ רוח כל חייך. „שרית עם האלהים ותוכל.‟ שכל מיצווה, מיצווה. זה השכר היחידי שאדם רציני מקבל בחייו ומוכרח למצוא שביעת רצון בזאת. לאו כל אָדם זוכה לעלות למדרגותיך שאתה עומד בקביעות ובמסירות נפש לרעיונותיך ולהשגותיך הנשגבים. אני תיקווה שהדורות הבאים יעידו אל זאת.

עלייתך ללוס אנג'לס בוודאי העניקה אותך עושר רוחני גדול. הסביבה שלך רצויה בלבך לשאיפותיך. באמת זאת זכייה הדדית. הם זכו בכך שאתה האצלת מרוחך על סביבותך, וגם אתה הפקת תועלת מהם. בביקוריי הארעיים עמך נהניתי מאוד מהפגישות ומההרצאות של חבריך וריעך. אני מקנא אותך קנאה רוחנית.

כל משפחתך, מכיריך ומיודעיך משתתפים בחג־היובל שלך ומברכים אותך ושפרה, אשת־החיל, בהרבה שנים של בריאות טובה עם משפחתך האהובה ושתמשיך ביצירותיך הפוריות ונזכה לחוג עמך עוד הרבה ימי־הולדת בקורת־רוח ושלום בישראל ובעולם.

באהבה, בידידות ובכבוד רב

יעקב בקר, פלורידה

# יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט — ייוואָ

ניו־יאָרק, נ. י.

פאַר אונדז איז באמת געווען אַ פריידזיך צו דערוויסן אַז דער לאָס אַנדזשעלעסער ייוואָ־קאָמיטעט וועט פייערן דעם 75סטן געבוירן־טאָג פון דעם געטרייען ייוואָ־טוער אַלעקס ראָבין, און אַז עס וועט אַרויסגעגעבן ווערן אַ ספּעציעלע שריפט צו דער געלעגנהייט.

מיר ווילן אין דער דאָזיקער שימחה זיך באַטייליקן, הגם פון דער ווייטנס, דורך אויסדריקן צו פר' ראָבינען אונדזערע וואַרעמסטע ברכות צו זיין יובל און אים ווינטשן אַ סך יאָרן פון שעפערישער טעטיקייט לטובת דער יידישער קולטור און פאָרשונג בכלל און דעם ייוואָ בפרט.

ביי אונדז ווערט שטאַרק אָפּגעשאַצט פר' ראָבינס איבערגעגעבנקייט צו אונדזער אַלעמענס אינסטיטוט און זיין שטענדיקע גרייטקייט צו העלפן אין דער אויסברייטערונג פון די טעטיקייטן פון ייוואָ. בלויז מיט דער מיטהילף פון אַזעלכע פריינד אין פאַרשיידענע וועלטטיילן איז דער ייוואָ דערגאַנגען צו זיין איצטיקן מצב.

לאָמיר האָפן אַז, אונטער זיין פירערשאַפט, וועט דער ייוואָ־קאָמיטעט, נאָך מער פאַרשטאַרקן זיין טעטיקייט און זיין באַטייליקונג אין דער פאַרצווייגטער און פילפאַרביקער ייוואָ־אַרבעט.

מיט פריינדלעכע גרוסן,

שמואל לאַפּין, סעקרעטאַר



זלמן שלאָסער

# כלל־טוערס און געזעלשאַפטלעכע אַרבעטערס

לאָס אַנגעלעס איז געבענטשט מיט אַ מחנה געזעלשאַפטלעכע טוערס, סאָשל וואָירקערס בלע"ז, אָנגעשטעלטע, וואָס קריגן באַצאָלט פאַר אַרבעטן לטובת הכלל. זייער אַרבעט איז אָן ספק נייטיק און נוצלעך, אָבער שטאַרק באַגרענעצט לויט זייערע פּערזענלעכע געזעלשאַפטלעכע אינטערעסן. מיט איין אָדער צוויי אויסנאַמען גיבן זיי זיך אָפּ מיט בלויז זייערע דירעקטע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעטן.

על פי שכל וואָלט אַזאַ מחנה פון געזעלשאַפטלעכע טוערס, „סאָשל וואָירקערס", געדאַרפט זיין דער רוקנביין פון גרויסע קולטור־אַקציעס. ווארום די טרייבקראַפט פון געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין יעדער פאָרם איז דאָך דער אינטערעס און מיטגעפיל צום „מענטש", אים צו העלפן, וואָס דאָס אַליין איז שוין אַ הויכע עטישע מדרגה. אויב אָבער אָט דאָס „פינטעלע" פעלט, איז די גאַנצע „טועריי", דער גאַנצער אַפּאַראַט פון „סאָשל וואָירק" ריין מעכאַניש, אָן נשמה. קאָן שוין ממילא קיין רייד ניט זיין וועגן קולטור אינטערעסן און אַקציעס.

איז כאָטש עס שווימלט און גריבלט מיט קאָמיטעס, מיט „גרופּ־לידערס", מיט קאָנפערענצן, מיט באַריכטן אויף די שפּאַלטן פון דעם „קאָמיוניטי בולעטין" און מען שאַפט טאַקע גרויסע סומעס געלט פאַר די פאַרשיידענע קאַמפּיינס, בלייבט דאָס פינטעלע גייסטיקע יידישקייט נאָך אַלץ אומבאַדייטנד, ווי געווען.

עס איז אָבער אויך דאָ אַ גרויס פעלד פון געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אָן באַצאָלטע טוערס און מאַכערס; אַ געביט וואָס נייטיקט זיך אין אידעאַליסטישער איבערגעגעבנקייט, אין פּראַקטישער וויטזיכטיקייט און פאָלקסטימלעכע נאָענטקייט צו יידישע קולטור און גייסט אינטערעסן. די באַדערפענישן פון אָרעמע און קראַנקע, פאַר מדינת ישראל און בכלל פאַר נאַציאָנאַלע גרויס־פּאָליטיק ווערן מער אָדער ווייניקער דערליידיקט דורך אָט די דערמאָנטע גרויסע ספּעציאַליזירטע אַפּאַראַטן און אָפּיסעס. ווי נאָר אָבער עס קומט צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע וואָרט — אַ בוך צי אַ זשורנאַל, אַ לעקציע צי אַ קולטור־אָוונט — איז שלעכט, ניטאָ קיין איניציאַטיוו, ניטאָ קיין מאָנער און דערמאָנער, ניטאָ קיין פרייוויליקע געזעלשאַפטלעכע טוערס מיט אַ ברייטן פאַרנעם. אפילו דער שותפות צווישן אַרבעטער רינג און נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד איז אויך אָן האַפט, אָן אייגענער לאָקאַלער איניציאַטיוו.

אין פלוג וואָלט מען געמעגט טראַכטן, אַז איצט, אין דער עפּאָכע פון „סיניאָר סיטיזענס", זיינען דאָך דאָ אַזוי פיל יידישע פאָלקס אינטעליגענטן, וואָס האָבן שטענדיק אַזוי ווי געוואַרט אויף דער צייט ווען זיי וועלן ווערן עטוואָס פרייער פון די דאגות פרנסה און וועלן דעריבער קענען מער זיך צופּגעבן מיט יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור אינטערעסן.

אין פלוג וואָלט מען אויך געקענט דערוואַרטן צווישן אַזעלכע קרייזן אַ גרויסע אויפלעבונג פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע קולטור־אַרבעטן. נאָר ווי עס זעט אויס פעלן איצט מער ווי אַלע מאָל יענע איבערגעגעבענע אידעאַליסטישע טרעגערס און פאַרשפּרייטערס פון דער יידישער פאָלקס־קולטור.

אונדזער בעל היובל, חבר אַלעקס ראָבין, איז איצט פּאַקטיש דער איינציקער פולער „פעקל טרעגער" דאָ אין לאָס אַנגעלעס וועמען דער עול פון יידישע קולטור־אַרבעט איז ליב און טייער און וועלכער פילט דאָס ניט ווי אַ לאַסט אויף די פלייצעס. ער איז זי קיין מאָל ניט צו מיד אָדער צו פאַרנומען צו נעמען די איניציאַטיוו אָנצופירן און טאַקע אויך דורכפירן אַלטע און נייע פּראָיעקטן פאַרן פּראָיעקטן פאַרן קולטור־קלוב, פאַרן ייוואָ, פאַר לעקציעס, פאַרן יידישן בוך, פאַרן „חשבון" — פאַר אַלץ וואָס אָטעמט מיט יידישן גייסט.

זיין שיינער רעקאָרד פון אַ קולטור־עסקן פון גאָר אַ גרויסן פאַרנעם איז אַ

שטאָלץ פאַר אים און זיינע נאָענטע, במשך די עטלעכע און צוואַנציק יאָר וואָס ער איז אַ תושב דאָ אין שטאָט איז ער אַלע מאָל געווען בראש פון יעדער וויכטיקער קולטור־אַרבעט, ספּעציעל אין שייכות מיט קינדער־שולן, מיטלשול און אפילו קינדער־טעאַטער. זיין אידעאַליזם און באַגייסטערונג האָבן אַלע מאָל אָנגעשטעקט די מיטבאַטייליקטע.

בטבע איז ער אַ ליטוואַק, אַ מתנגד, שטאַרק ערנסט צו יעדער אַרבעט. פון דעסטוועגן, ווען ער זעט נאָר די מינדסטע מעגלעכקייט פאַר אַ נייעם פּלאַן, אַ נייע אַקציע, ווערט ער לייכט באַגייסטערט, ממש ווי אַ הייסער חסיד.

גאָלי 34 — פיר און דרייסיג — ל״ד—

די כסדר שטייגנדיקע שווערקייטן, דער שטענדיקער מאַנגל אין נייע יונגע כוחות, וואָס פאַרהאַלט די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון אונדזער וועלטלעכן סעקטאָר, קענען ביטער אַנטוישן יעדן יחיד אָבער ניט אונדזער חבר ראָבין. מיט זיין פריינדלעכן שמייכל האַלט ער אָן דעם געזעלשאַפטלעכן קאָנטאַקט מיט אַ סך, אַ סך יחידים און אָרגאַניזאַציעס און איז זיי שטענדיק משפיע לטובת הכלל.

פּאָטענציעל איז אָט דער כלל דאָ אין שטאָט אַ גרויסער — אַ פּאָר טויזנט יחידים. דאָס איז אַ מחנה, וואָס דאַרף אַקטיוויזירט ווערן פאַרן לעבעדיקן יידישן וואָרט. עטלעכע אַזעלכע יחידים ווי ראָבין וואָלטן געקענט אויפטאָן גרויסע זאַכן מיט אַזאַ מחנה איינגעדרעמלטע אָבער געטרייע יידישע פאָלקס־מענטשן.

די אימפּאָזאַנטע פאָלקס־פאַרזאַמלונג יענעם זונטאָג נאָך מיטאָג אין נאָוועמבער, מיטן געראַטעוועטן יידישן פּאָעט יוסף קערלער, וואָס דער פאַרבאַנד צוזאַמען מיטן אַרבעטער רינג האָבן דורכגעפירט, איז אַ שטאַרקער באַווייז פון גייסטרייכע פאַרזאַמלונגען וואָס קענען דורכגעפירט ווערן דאָ אין שטאָט. נאָר ווען איז דאָס גערעדט געוואָרן, ווען עס איז דאָ וויזיע, דער פאַרנעם און דער פאַרמעסט טאַקע פון אַזעלכע כלל־טוערס ווי חבר ראָבין.

איצט, ווען אונדזער יובילאַר טרעט אַריין אין לעצטן פערטל פון זיין יאָרהונדערט מיט נאָך יונגן מוט און גלויבן, איז אפשר כדאי אָנצעווייזן אויף עטלעכע בייטיקע, נאָך ניט פאָרמולירטע פּראָיעקטן, וואָס וואַרטן אויף עמיצנס איניציאַטיוו. דאָס איז, ערשטנס, די נייטיקייט אַריבערצופירן דעם קולטור־קלוב אין אַ יידיש־באַפעלקערטער געגנט און צו שטעלן זיין רייכע ביבליאָטעק אין דינסט פון לייענערס אין די וואָכן־טעג; און צווייטנס, אויסצובררייטערן דעם „חשבון" אויף אַזאַ אופן, אַז ער זאָל אויך דינען די לאָקאַלע יידישע אינטערעסן ווי אויך פאַרגרעסערן זיין לייענער־קרייז.

צו זיין איצטיקן 75 יעריקן יובילײ מעגן מיר ווינטש, חבר ראָבינען קיין מאָל ניט צו־פאַרלירן דעם ביטחון אין דער נייטיקייט און וויכטיקייט פון אידעאַליסטישער אַרבעט לטובת הכלל, הגם דער לוין איז ניט אַלע מאָל גלייך צו דער מי. עס איז אָבער אַלץ ווערט צו וויסן, אַז די אַרבעט ווערט דאָך אָפּגעשאַצט און אָנערקענט פון יעדן איינעם.

## באַגריסונג

אַלעקס ראָבין איז טאַקע אַ קולטור־מענטש, אָבער ניט בלויז אַ קולטור־טוער. ער איז אַ מבין און אַ געניסער פון אמתע קולטור־ווערטן. צו זיין 75סטן געבוירנטאָג ווינטשן מיר אים ער זאָל מיט אונדז זיין אויף לאַנגע, לאַנגע יאָר.

מרדכי שעכטער

## בית לייוויק — תל אביב, ישראל

ליבע פריינד:

מיר בעטן אייך איבערגעבן דעם פריינד פון יידישן וואָרט **אַלעקס ראָבין** אונדזערע האַרציקסטע ווונטשן פאַר אריכת ימים און געזונט — צו זיין 75טן לעבנסיאָר ביז 120.

זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט האָבן אויך מיר געפילט דאָ, אין **לייוויק־הויז**, אין תל־אביב, און פאַר דעם אויך אונדזער דאַנק.

יידישער שרייבער־פאַראיין
לייוויק־הויז
אין ישראל.



# האַרציקע באַגריסונג צו אַלעקס ראָבין

די פייערונג צום 75טן געבוירנטאָג פון אונדזער אַלעמענס פריינד און קולטור־טוער אַלעקס ראָבין איז אַ וויכטיקע געשעעניש ניט נאָר אין זיין פּערזענלעכן לעבן און אין לעבן פון זיין משפחה — נאָר ס'איז אויך אַ וויכטיקע געשעעניש אין היגן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל.

פריינד ראָבין איז אַראָפּגעקומען קיין לאָס אַנדזשעלעס שוין מיט אַ רייכער דערפאַרונג אויפן געביט פון יידישע קולטור און דערציונג.

דאָ אין שטאָט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט מיטצואַרבעטן און אָבסערווירן פון דער נאָענט די טעטיקייטן פון פריינד ראָבינס.

אין דער פאַרייניקטער יידישער מיטלשול האָט פריינד ראָבין אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו. די ווייטערדיקע טעטיקייטן אין דער פירערשאַפט פון די היגע אַרבעטער רינג שולן האָבן אין משך פון יאָרן געבראַכט אַ סך נוצן און פּרעסטיזש פאַר די שולן.

גאָר באַזונדערס האָט זיך פריינד ראָבין אַלע מאָל אויסגעצייכנט מיט זיין ביישטייער אויפן געביט פון קולטור־אַרבעט בכלל און ספּעציעל אויפן באָדן פון אַרבעטער רינג. זיין איניציאַטיוו האָט מיך פּערזענלעך אינספּירירט אין אַ גרויסער מאָס ביי אָט דער קולטור־אַרבעט.

ווי אַ מיטגליד פון דירעקטאָרן ראַט פון אַרבעטער רינג צענטער האָט פריינד ראָבין אויך אויף דעם געביט אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו און ענערגיע. פריינד ראָבין האָט באַוויזן שאַפן אַ גרעסערע סומע געלט ביים בויען דעם צענטער.

עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז פריינד ראָבין באַלאַנגט צו דער רעדאַקציע פון דעם היגן זשורנאַל „חשבון".

פריינד אַלעקס ראָבין פאַרנעמט לעצטנס אַזאַ וויכטיקע פּאָזיציע אַלס פּאָרזיצער פון היגן „ייוואָ" קאָמיטעט.

איך האַלט פאַר נויטיק אונטערצושטרייכן, אַז אין טאָג־טעגלעכן לעבן צייכנט זיך פריינד ראָבין אויס מיט זיין פיינער באַנעמונג צו די אַרומיקע מענטשן.

ליבער פריינד אַלעקס ראָבין: צו אייער יובל ווינטש איך אייך אַ סך דערפאָלג אין אייער אַרבעט אויף אַלע געביטן. גייט אָן מיט אייער אַרבעט נאָך פאַר לאַנגע, לאַנגע יאָרן.

מיט פריינדשאַפט,

דוד גאָלדמאַן

עקזעקוטיוו סעקרעטאַר פון
אַרבעטער רינג אין קאַליפאָרניע

---

אונדזער באַגריסונג צו אַ גוטן פריינד און ליבן חבר

## אַלעקס ראָבין

צו אייער 75טן געבוירנטאָג ווינטשן מיר אייך מיט אייער משפחה געזונטע און לאַנגע יאָרן, אַ סך דערפאָלג אין אייערע ווייטערדיקע טעטיקייטן לטובת דעם יידישן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן.

אַדעל און דוד גאָלדמאַן

---

מיר באַגריסן אונדזער טייערן פריינד

## אַלעקס ראָבין

צו זיין 75טן געבוירן־יאָר

און ווינטשן אים נאָך לאַנגע יאָרן פון געזונט און געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט, צוזאַמען מיט זיין טייערער פרוי שפרה.

די פיינסטאָנס

מרים ראָבין-גודווין

# באַטראַכטונגען פון אַ טאָכטער

(לויטן זעפּונקט פון אַ נײַעם דור)

די היינטצייטיקע ליטעראַטור אויף ענגליש און איבעראַל פול מיט שאַפונגען פון שרייבערס, וועלכע שטאַמען, פּונקט ווי איך, פון יידישע וואָרצלען. אָבער זייערע אַרויסזאָגונגען זיינען ווי זיי וואָלטן צעפּגעלייקנט די טיפקייט פון זייערע טראַדיציעס. אָנשטאָט דעם דריקן זיי אויס פאַרנעפּלטן געפיל פון שולד.

הגם זיי גיבן אָנערקענונג צו דער יידישקייט פון זייער אַמאָל און דער טראַדיציע פון עם הספר פאַרן אַריינברענגען זיי אין אַן עקסקלוסיוון אינטעלעקטועלן קרייז, איז זייער צוגאַנג, סיי אין טעמאַטיק און סיי אין שפּראַך, אַזוי ווי זיי וואָלטן וועלן באַווייזן, אַז די טראַדיציעס פון זייער יוגנט איז ביי זיי ווי פרעמדע קולטור און וועט ווייניק באַדויערט ווערן, אויב זי וועט אפילו אין גאַנצן אָפּשטאַרבן. אַזוי אין די אַרבעטן פון ראָטה, בעלאָו, פידלער און אויך אַנדערע. כאָטש זייערע ווערק האָבן מער ערודיציע און זיינען היפּש סובטיל, איז דער ענדגילטיקער עפעקט ניט אַנדערש ווי די פון דעם טראַגישן זעלבסט-צעפּלייקענונג, אַז זייער געמיט איז באַאיינפלוסט פון פריערדיקע מזרח-אייראָפּעישע יידישע אימיגראַנטן — פון וועלכע זיי זיינען אָפּשטאַמיק, וואָס זיי האָבן געשטרעבט צו באַפרייען זיך פון דעם און צונויפשמעלצן און אַסימילירן אין דעם הויפּט-שטראָם פון אַמעריקאַנער לעבן, מנהגים און שפּראַך. עס האָט געדויערט בלויז צוויי דורות כדי עס זאָל זיך אַרויסווייזן אַז אַזאַ צוגאַנג איז פּוסט און אפילו שעדלעך פאַר דער גייטיקער אידענטיפיקאַציע סיי פון יידישן כלל און סיי פון יחיד.

מיין אייגענע דערפאַרונג האָט מיך געלערנט פּונקט פאַרקערט.

איך זע איין, אַז די איינהיטונג פון געוויסע ווערטן און אַ פאַרוואָרצלטע טראַדיציע גיט גלויבן, סיי אין רואיקייט און סיי אין שווערע צייטן, אָבער עס פאָדערט אַקטיווע קולטיווירונג און איבערגעגעבנקייט. דער פּאָזיטיוו קען ניט דערגרייכט ווערן בלויז דורך דעם אויסמיידן פון אַ נעגאַטיוו. ס'איז באַוווסט, אַז די נאַטור דולדעט ניט קיין וואַקואום. מיר זעען אויך אַז גלייכגילטיקייט פירט שטענדיק צו דעקאַדענץ. די איבערצייגונג און דאָס שטרעבן, די ענערגיע וואָס מ'לייגט אַריין אין אויסבעסערן און פאַרזעצונג פון אַ פּאָזיטיוון שטייגער לעבן דערציילט אונדז גאָר אַ סך וועגן אַ מענטש, וועלכער האָט כמעט זיין גאַנץ לעבן אָפּגעגעבן אָט דער דאָזיקער אויפגאַבע.

ס'איז אָנגענומען אַז אַ מענטש איז וואָרטפּולער פאַר זיינע מיטמענטשן ווען ער האָט פריער דעמאָנסטרירט זיין חשיבות צו זיך אַליין. און ס'פאָלגט אויך, אַז אַ מענטש וועט שטאַרקער פאַרטיידיקן אַן איבערצייגונג, וואָס האָט אים געגעבן אַ באַגריף פון זיין אייגענעם ווערט. מיר דוכט, אַז אָפּלייקענונג פון איינעמס טראַדיציע, ווו ער בייט אויס זיין אָנגעהערי־קייט פאַר אַ מער פּאָפּולערן אופן פון לעבן, פּראָדוצירט ניט קיין בעסערן מענטשן.

איך גלייב, אַז מיין טאַטע, אַלעקס ראָבין, דענקט אויך אַזוי.

אויפן סמך פון דורכשניט סטאַטיסטיק קוק איך איצטער אויף צוריק, אויף אַן ערך העלפט פון מיין לעבן, אָבער גלייכצייטיק קוק איך פאָרויס אויף דער וויטערדיקער העלפט. (אַזאַ אייגנאַרטיקן אויסבליק-פּונקט קומט פאָר בלויז איין מאָל אין יעדנס לעבן). איך פאַרשטיי איצט מער ווי ווען עס איז פריער און ווייניקער ווי אין דער צוקונפט. איך האָב דעם מוט וואָס קומט פון וויסן, באַזירט אויף דערפאַרונג, און איך האָב דעם גלויבן וואָס קומט פון ירושה.

איך האָב בטחון אין דער צוקונפט, ווייל איך האָב אַ פאַרגאַנגענהייט וואָס שפּאַנט איבער הונדערט דורות יידישער געשיכטע, אין וועלכער שכל און חכמה איז פאַרוואַנדלט געוואָרן ווי שטאָל פאַרהאַרטעוועט אין דעם פּראָצעס פון אַזויפיל



נסיונות. אונדזער שטייגער לעבן איז פאַר מיר אַן אַנקער פאַרן שיף פון לעבן אין אַ ים פון שטענדיקע ענדערונגען.. און דערפאַר, ווייל איך ווייס ווער איך בין, מוז איך אויך וויסן וווהין איך גיי און וואָס איך וועל ווערן. מיט אָט דער זיכערקייט איז ניט קיין אונטערשייד ווו און מיט וועמען איך בין.

די פּראָצעסן און געפילן וואָס איך ברענג אַרויס דאָ שטעקן ניט אין עטנישקייט און זיינען אויך ניט אויטאָמאַטיש געשאַפענע. זיי זיינען אָפּרופן וועלכע קומען פון יאָרן אויסגעזעצטקייט צו אַ באַשטימטע אַטמאָספערע — אין מיין פאַל, אַ קלימאַט וואָס מיינע עלטערן האָבן געשאַפן, אין וועלכן יידישקייט האָט דורכגעדרונגען אַלע אונדזערע געדאַנקען און מעשים:

אַ נייער דור וואַקסט אויף איצטער, וואָס אַנערקענט טראַדיציע אַלץ מער ווי אַ לידל פון „פידלער אויפן דאַך"; אַ פרישע כוואַליע, וואָס שאַצט אָפּ „איינגעוואָרצלטקייט", קומט אָן. און די, וועלכע מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן אָפּגעשפּאָט אַז טראַדיציע איז אַ שטער צו פּראָגרעס — האָבן זיך אַרומגעזען אַז זייערע זין און טעכטער קערן זיך אום צו טראַדיציע ווי אַ מיטל צו באַנעמען פּראָגרעס.

איך האָב זיך אַזוי דערצויגן, ווייל מיין טאַטנס לעבן איז פול מיט היסטאָרישן באַוווסטזיין, וואָס האָט געדינט זיין אידעאָלאָגיע, מאָראַל און געזעלשאַפטלעכקייט.

---

## אַלעקס !

אונדזערע האַרציקע ברכות צו דיין 75סטן געבוירן־יאָר. מיר ווינטשן דיר און שפרהן אַריכת ימים און ווייטער אָנגיין אַ סך יאָרן מיט דער גוטער אַרבעט פאַר דער יידישער קולטור.

צבי און נעמי (נחמה) איברמס

מתתיהו, מרים רחל

און מיכאל דוד איברמס

דזשאָרג (חיים) און דובה לאה פיליפּס

---

מיר באַגריסן אונדזער פריינד

## אַלעקס ראָבין

צו זיין 75 יאָריקן יובילײ.

מיר ווינטשן אייך און שפרהן אַ סך גוטע יאָרן און ווייטער פאָרזעצן אייער געזעלשאַפטלעכע אַרבעט.

אירווינג און עטל לעווין

(ניו־יאָרק)

---

איך בין אויך דערצויגן געוואָרן מיט אַ באַגריף פון פולער פאַראַנטוואָרטלעכקייט: צו זיך, צו דער קהילה און צום פאָלק. איך בין אויסגעוואַקסן מיט יעם אַלעמען ניט נאָר ווי אַבסטראַקטע אידעען, נאָר אָנצווענדן אין לעבן אַזוי ווי עס האָט מאָטיווירט מיין טאַטן אין זיין כמעט זעכציק־יאָריקער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פאַר יידישער דערציונג און קולטור מיט אַ ציל פאַר דעם קיום פון יידיש ווי אַ שפּראַך און קולטור השפּעה.

דער ספּעציעלער „חשבון" נומער איז אַ פּאַסיקער אויסדרוק פון אָנערקענונג פאַר אַ מענטש וואָס פּראַקטיצירט פאַר זיך דאָס וואָס ער פּריידיקט פאַר אַנדערע: מיין טאַטע, אַלעקס ראָבין.

אַ דאַנק דעם „חשבון" און יובל־קאָמיטעט פאַר צוטיילן כבוד צו מיין פאָטערס 75 יאָריקן יובל.

---

ALEX!

Our heartiest congratulations and best wishes on your 75th birthday. We wish you and Shifrah long life and to continue for many more years your wonderful activities for the promotion of Jewish culture.

HARRY and NAOMI ABRAMS

MATHIS and MARSHA BONNIE ABRAMS

GEORGES and DOVA LEAH PHILLIPS

י. טיללעס

# 75־יאָריקע יובל־פייערונג אין ל. אַ. קולטור־קלוב

(באַריכט)

אַלעקס ראָבין, פּראָמינענטער ייִדישער קולטור־עסקן, האָט דערגרייכט זיין 75 יאָריקן געבוירן־טאָג, און די וואָס שאַצן אָפּ זיין לאַנג־יאָריקע אומדערמידלעכע אַקטיוויטעט אויף אַלע געביטן פון ייִדישן קולטור־לעבן בכלל, און דערציִערישן געביט בפרט, האָבן באַשלאָסן, אַז עס איז אַ גוטע געלעגנהייט צו געבן אים צו פילן, אַז זיין אַרבעט ווערט אָפּגעשאַצט. דער ערשטער איז געווען דער ל. א. ייִוואָ קאָמיטעט, וואָס האָט געווידמעט זיין 22טע יערלעכע קאָנפערענץ איז אָקטאָבער 1971, און מיט עטלעכע וואָכן שפּעטער האָט דער ל. א. ייִדישער קולטור־קלוב געווידמעט אַ שבת אָוונט צו אַ פייערונג פון בעל־יובל.

דער ערשטער צו באַטאָנען דעם פּרוכט־באַרן לעבנס־וועג פון בעל־היובל איז געווען דער פּאָרזיצער פון אָוונט, שלמה צוקערמאַן, וועלכער האָט אין קורצע ביאָגראַפישע שטריכן, געמאָלן ראָבינס׳ לעבנס־וועג פון איבער 60 יאָר, געווידמעט דעם ייִדישן חינוך, ייִדישן בוך־וועזן, דעם ייִדישן שעפערישן וואָרט, און ייִדישער קולטור — דאָ אויפן טרוקענעם אַמעריקאַנעם באָדן. און דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס ראָבין איז געקומען אין אַמעריקע אין עלטער פון 11 יאָר, און אויך ניט אין ניו־יאָרק, נאָר ערגעץ אין מיטל־וועסט, אין סיו־סיטי, אייאָווע. געלערנט האָט ער אין דער אַמעריקאַנער שול, באַווירקט פון דער אַמעריקאַנער גאַס, און דאָך איז ער געבליבן דער ייִדישער ייִד.

באַגריסונגען און אָפּשאַצונגען פון בעל־יובל זיינען געגעבן געוואָרן פון י ע ק ב ק אַ ה אַ ן, אין נאָמען פון ייִדיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד; פון ת נ ח ו ם ב ר ײ ס , פאַרן אַרבעטער רינג; ז ל מ ן ז י ל ב ע ר צ ו ו ײ ג , ווי דער פאַרטרעטער פון ל. א. ייִוואָ קאָמיטעט; פ ײ ו ו ל ז י ג ל ב ו י ם, אַ גאַסט פון ישראל, אין נאָמען פון לייוויק־הויז אין תל־אביב, און אַ ספּעציעלע אָפּשאַצונג פון דעם גרויסן ייִדישן שרייבער און תלמיד חכם אַ ב ר ה ם ג אָ ל אָ מ ב. דורך די אַלע באַגריסונגען און אָפּשאַצונגען איז אַרויסגעבראַכט געוואָרן די קאָלירפולע פערזענלעכקייט פון בעל־יובל אויף אַלע געביטן פון ייִדישן קולטור־לעבן אין אַ משך פון זעכציק יאָר.

ווי שוין באַמערקט, איז ראָבין געקומען אין אַמעריקע אין עלטער פון 11 יאָר און זיין היים איז געווען אין סיו־סיטי, אייאָווע. דאָ איז ער געגאַנגען אין דער אַמעריקאַנער שול, געווען ווי אַלע זיינע חברים פאַראינטערעסירט אין ספּאָרט, אָבער ווייזט אויס אַז עפּעס טיף אין אים איז געווען איינגעוואָרצלט המשכדיקייט פון דער אַלטער היים, און דער השפּעה פון זיין עלטערער שוועסטער, העלפט ער דאָרט גרינדן אַ ייִדישע שול. דאָס האָט ער געטאָן אין עלטער פון 16 יאָר. און ווען ער קומט אין שיקאַגאָ אין 1915 ווערט ער דער סעקרעטאַר פון די סאָציאַליסטיש־טעריטאָריאַליסטישע שולן.

ווען אַמעריקע איז אַריין אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט ראָבין פרייוויליק זיך אָנגעשלאָסן אין דער אַרמיי. צוויי יאָר איז ער געווען אין פראַנקרייך, זיך באַטייליקט אין די שלאַכטן, געווען פאַרוווּנדעט.

אין 1919 קומט ער צוריק קיין סיו־סיטי, און ווערט ווידער געזעלשאַפטלעך אַקטיוו. ער ווערט אַ מיטגליד פון די פּועלי־ציון, און פאָרט אַרום מיט דער לעגענדאַרער מאַניע שוחט אין די אַרומיקע ייִדישע ישובים צו שאַפן פאָנדן פאַר דער באַנק הפּועלים און געצייג־קאַמפּיין — די שפּעטערדיקע הסתדרות. ער איז אויך אַקטיוו אין דער גרינדונג פון דער פּועלי־ציוניסטישער טאָג־צייטונג „די צייט“.

אין 1925 באַזעצט זיך ראָבין אין דזשעקסאָנוויל, פלאָרידאַ. דאָ האָט ער זיך באַקאַנט און חתונה געהאַט מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין, שפרה, און די היים פון די ראָבינס ווערט אַ בית־ועד לחכמים, וווּ עס ווערט דער קולטור־צענטער פון יענעם געגנט. אין דער דאָזיקער היים פּלאַנירט מען און מען גרינדעט ייִדישע פאָלק־שולן, מען העלפט אַרויסגעבן און מען פאַרשפּרייט דאָס ייִדישע בוך; דאָ אין דער היים ווערן אויפגענומען געסט פון די פאַרשיידענע קולטור־אינסטיטוציעס, ספּעציעל פון ייִוואָ, וווּ ראָבין איז נאָך ביז היינט אַ מיטגליד פון נאַציאָנאַלן דירעקטאָרן ראַט.



אין 1944 באַזעצן זיך די ראָבינסעס אין לאָס אַנדזשעלעס, און ווערן גלייך אַקטיוו אין קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן אין די פאַרשיידענע אָפּטיילונגען. צופיל אַלע אויסצורעכענען. מירן בלויז דערציילן אַ טייל:

ראָבין געפינט זיך אין יעדן קאָמיטעט אַרויסצוגעבן אַ וויכטיק ייִדיש בוך און עס צו פאַרשפּרייטן; ראָבין איז צווישן די גרינדערס און איז לאַנג־יאָריקער פאָרזיצער פון דער פאַראייניקטער ייִדישער מיטלשול; אין קינדער־טעאַטער, וואָס האָט געמאַכט געשיכטע אין זיין צייט; שפּעטער ווערט ער פאָרזיצער פון די אַרבעטער רינג שולן, וווּ ער האַלט אָן דעם אַמט פאַר 10 יאָר צייט; און אין נאָמען פון היגן ייִוואָ קאָמיטעט האָט ער גאָר אַ גרויסן חלק אין דער דערשיינונג פון דעם גייסטרייכן גאָלאָמב־בוך, און פון זילבערצווייגס לעקסיקאָן פון ייִדישן טעאַטער. ראָבין איז געווען און איז געבליבן שטאַרק אַקטיוו אין דעם לייוויק הויז קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס און ער איז אַפילו געפאָרן קיין ישראל צו באַטייליקן זיך אין זיין חנוכת הבית. אגב, ראָבין איז דאָס מאָל דעלעגירט געוואָרן צום אַלוועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס.

דאָס איז בלויז אַ טייל פון ראָבינס׳ אַקטיוויטעט, שוין ניט צו דערמאָנען זיין איבערגעגעבענע אַרבעט אין ייִוואָ קאָמיטעט, וווּ ער איז היי־יאָר דערווילט געוואָרן פאַר זיין פאָרזיצער, ווי זיין איבערגעגעבענע אַרבעט אין קולטור־קלוב אאַ״וו.

די אַלע פּרטים זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פון די באַגריסערס און אָפּשאַצערס ביי דער יובל־פייערונג. דערביי איז אויך פאָרגעלייענט געוואָרן אַ באַגריסונג פון שמואל ראָזשאַנסקי פון אַרגענטינע. די באַגריסונג איז פאָרגעלייענט געוואָרן פון דעם וואָרט־קינסטלער ד״ר אַברהם זיגלבוים, וועלכער האָט דערביי, אַלס זיין אייגענעם ביישטייער, געלייענט „אַ פינטעלע ייִד“ פון אריה שמרי, און אַ טעלעגראַפישע באַגריסונג פון דעם באַוווּסטן ייִדישן שוישפּילער און קולטור־עסקן יצחק רויטבלום.

די רירנדיקסטע און אפשר אויך די אינטערעסאַנטסטע באַגריסונג איז געקומען פון דעם בעל־היובלס בת־יחידה מ ר י ם . אין אַ פּרעכטיקן ייִדיש האָט זי אַרויסגעבראַכט אירע געדאַנקען און געפילן צו איר פאָטער, צו אירע עלטערן, וועלכע האָבן איר געגעבן אַ טראַדיציאָנעלע ייִדישע דערציִונג.

ניט אַלע מאָל, זאָגט זי, האָט זי פאַרשטאַנען און באַגריפן פאַרוואָס זי דאַרף זיין אַנדערש פון אירע חברטעס, אָבער אין משך פון די יאָרן איז עס איינגעפּעסטיקט געוואָרן אין איר האַרץ ווי אַן אַנקער פון אַ שיף, און זי פאַרשטייט וואָס עס מיינט צו זיין אַנדערש. טראַדיציעס, האָט זי באַטאָנט, ווען ריכטיק אָנגעווענדט, האָט אַ זין און אַ ווירקונג צו דערמעגלעכן דעם קיום פון ייִדיש, ניט נאָר אַלס שפּראַך נאָר אויך אַלס קולטור.

איידער דער בעל־יובל האָט געקראָגן דאָס וואָרט, האָט דער באַקאַנטער מוזיקער, חזן העראָלד גרין, געגעבן אַ צוגעפּאַסטן ייִדישן קאָנצערט.

דער בעל־היובל, רירנד ביז טרערן, האָט קודם כל באַדאַנקט דעם קלוב און ספּעציעל שלמה צוקערמאַן און די אַנדערע באַגריסערס, און אַלע וואָס זיינען דאָ ביים אָוונט, אויסצודריקן די אָנערקענונג פאַר זיין לאַנגיאָריקער אַרבעט. ער פאַררופט זיך אויף אַ זאָג פון אחד־העם, אַז מער וואָס ייִדן האָבן געטאָן פאַר שבת, האָט שבת געטאָן פאַר די ייִדן. כלל־טוערײ טוט עפּעס אויך פאַרן כלל־טוער. עס אַנטוויקלט טאָלעראַנץ, און עס איז אַ סגולה קעגן פוילקייט.

צו זיינע 75 יאָר פילט ער זיך ניט אַלט, און האָפט נאָך ממשיך צו זיין כלל־טוערײ נאָך פאַר אַ סך יאָרן.

מ. סלוצקי

# אַ. ראַבינס מיטלשול און קינדער־טעאַטער טעטיקייט

צו דער געלעגנהייט פון אַלעקס ראַבינס יובילײ־פייערונג ווילט זיך אויסדריקן עטלעכע דערינערונגען פון יענער צייט ווען אונטער זיין פיררשאַפט האָט דאָ אין שטאָט עקזיסטירט אַ פאַרייניקטע יידישע מיטלשול און קינדער־טעאַטער.

מיין קאָנטשאַפט מיט ח׳ ראַבין אין אָנהויב 1950 אין דער מיטלשול אַקטיוויטעט איז אַלע מאָל געווען פון גרויס דרך־ארץ פאַר זיין פשוטער באַציונג צו אַלע טוערס, לערערס און קינדער אין די צוויי אינסטיטוציעס.

אַלעקס ראַבין געהערט צו די טוערס וואָס דאָס בויען און צעמענטירן דעם קיום פון אַן אינסטיטוציע איז וויכטיקער ווי וועלכע עס איז פּערזענלעכע מיינונגס־פאַרשידנקייט און ניט לייכט איז דאָס געווען אין אינסטיטוציעס ווו דער צוזאַמענשטעל פון די טוערס זיינען געווען פון פאַרשיידענע ריכטונגען. נאָר אַ מענטש ווי א. ראַבין האָט געקענט און געהאַט די פעאיקייט צו באַלאַנסירן און קאָנטראָלירן קאָמפּליצירטע סיטואַציעס. זיין טאָלעראַנץ און געדולד אויסצוהערן יעדע מיינונג וועלכע האָט געקענט זיין נוצליך פאַרן איינהאַלטן די גאַנצקייט פון די אינסטיטוציעס איז געווען דאָס וויכטיקסטע פּאָזיטיווע. זיין באַציונג צום קינדער־טעאַטער האָט זיך אַלע מאָל אָנגעטראָפן אויף קעגנערשאַפט מצד געזעלשאַפטלעכע טוערס וועלכע זיינען אויך געווען נאָענטע פריינד פון א. ראַבין. און אַ דאַנק זיין שטענדיקע זאָרג פאַר יידישע דערציונג דאָ אין שטאָט איז ער בייגעקומען די דאָזיקע קעגנערשאַפט.

ער איז אויך זייער אָפט געווען דער אַמבאַסאַדאָר פאַר דער מיטלשול און קינדער־טעאַטער צו די אינסטיטוציעס וואָס האָבן ניט אַלע מאָל געגעבן די ברכה פאַר דער עקזיסטענץ פאַר אַ פאַראייניקטער מיטלשול; אַלע מאָל זיך איינגעשטעלט צו באַשיצן די צוויי יידישע אינסטיטוציעס.

אין אַ קריזיס מאָמענט, ווען עס האָט באַדראָט דעם אונטערגאַנג פון דער ל. א. מיטלשול, איז א. ראַבין געווען דער וועלכער האָט געראַטעוועט די סיטואַציע דורכן ברענגען די מיטלשול אונטער דער אויפזיכט פון דער ביוראָ פון יידישער דערציונג ביים קאָמיוניטי קאַונסיל.

ער האָט אַלע מאָל געפונען אויסוועגן אָנצוהאַלטן די צוויי יידישע דערציאונגס־אינסטיטוציעס, ווען אַנדערע האָבן געזוכט זיי צו ליקווידירן. א. ראַבינס צוגאַנג צו יידישער דערציאונג איז קיין מאָל ניט געווען קיין סעקטאַנטישע, אָבער גלייכצייטיק געווען אויף דער וואַך, אַז יידישע דערציונג מוז זיין אַ ריין און גוטע יידישע דערציונג.

זיין בייטראָג צום קינדער־טעאַטער איז אויך געווען פון גרויסן באַטייט, ווייל אויך דאָס קינדער־טעאַטער האָט געהאַט קריזיסן און אָן ח׳ ראַבינס איינפלוס וואָלט ניט מעגלעך געווען אויפצופירן זעקס פיעסן אין פאַרלויף פון די זעקס יאָר עקזיסטענץ פון דעם קינדער־טעאַטער. זיין איינפלוס איבער די קעגנער פונעם קינדער־טעאַטער האָט געהאָלפן בייקומען די קריזיסן.

פאַרשטענדלעך, ס׳דאַרף אויך דערמאָנט ווערן אַז א. ראַבינס איינשטעלן זיך פאַר דער עקזיסטענץ פון די צוויי דערציאונגס אינסטיטוציעס איז ניט אַדורך אָן פּערזענלעכע שוועריקייטן. ווייל מענטשן מיט בלינדער שנאה האָבן ניט געקענט מוחל זיין א. ראַבין פאַר זיין פּרינציפּיעלן צוגאַנג, אַז יידישע דערציאונג איז אַ פאָלקס־ענין און ניט קיין פּאַרטייאישער.

און צו זיין שבח זאָל געזאָגט ווערן אַז א. ראַבינס האַלטונג און אויפפירונג אין יענע פיינלעכע סיטואַציעס איז געווען אַ מוסטערהאַפטע, וואָס האָט נאָך אַ מאָל באַשטעטיקט ווי שטאַרק און געזונט א. ראַבינס צוגאַנג צו יידישער דערציונג און אַ דאַנק דעם געהאָלפן אויפהאַלטן די צוויי יידישע דערציאונג אינסטיטוציעס אַזוי לאַנג ווי עס האָט זיך געלאָזט.

איך וויל ענדיקן די דאָזיקע קורצע דערינערונגען פון יענער גוטער צייט פון מיין געזעלשאַפטלעכע באַקאַנטשאַפט מיט ח׳ ראַבין, וועלכע איז אויך אַ פריינדשאַפט געוואָרן פאַר מיר און מיין פרוי, און מיר ווינטשן דעם חבר ראַבין און זיין פרוי אַ סך גוטע און געזונטע יאָרן און פרוכטבאַרע געזעלשאַפטלעכע אַקטיוויטעט.



שיקל פישמאַן / ירושלים

# אַ באַגריסונג צו אַלעקס ראַבין

אַלעקס ראַבינס וואַרעמקייט האָב איך דערפילט צום ערשטן מאָל אין 1948, ווען ס׳זענען קיין ל״א געקומען אַ טוץ יונגעלייט פון נ״י כדי זומער־צייט צו לערנען ביי מאַקס וויינרייכן, וואָס איז יענעם זמן געווען אַ גאַסט־פּראָפעסאָר אין יו־סי־על־איי. די גאַנצע יידישע ל״א האָט זיך יענעם זומער געצאַצקעט מיט אונדז. נאָר אַלעקס ראַבינען געדענק איך מער ווי וועמען, ווייל ער האָט ניט נאָר פון אונדז געשעפּט נחת נאָר געהאָלפן מיט וואָס נאָר מעגלעך ביי די אונטערנעמונגען און ארויספאָרן, וואָס זיינען פאַר אונדז אָרגאַניזירט געוואָרן.

זינט דעמאָלט איז מיר אַ סך, אַ סך מאָל אויסגעקומען זיך צו טרעפן מיט אַלעקס ראַבינען ביי קולטור־מסיבות, אי אין ל״א אי אין נ״י. תמיד זע איך ביי אים דעם זעלבן גלויבן, דעם זעלבן שטילן כוח, דעם זעלבן ווייכן נאָר עקשנותדיקן כוח און דרך־ארץ, וואָס איך געדענק נאָך פון די ערשטע באַגעגענישן. דאָס איז אַ כוח, וואָס אַ דאַנק אים האָט די יידישע קולטור און דערציונג אין אַמעריקע אָנגעהאַלטן איר טעטיקייט שוין מער ווי אַ האַלבן יאָרהונדערט, און טאַקע נאָר צוליב דעם וואָס אין פאַרשיידענע שטעט זיינען געווען אַזעלכע באַשיידענע איבערגעגעבענע גיבורי־ישראל ווי אַלעקס ראַבין.

אָבער אויך אַלעקס ראַבין איז פון זיין גאַנצער מי לטובת יידיש געשטאַרקט געוואָרן און כסדר דערפרישט געוואָרן. זיי זיינען, אויב אַזוי, אַ געבענטשטע פּאָר: אַלעקס ראַבין און די מלכה יידיש, ווייל איינער שטאַרקט און מונטערט דעם אַנדערן. ווינטש איך זיי טאַקע ביידן: עד מאה ועשרים, ווייטער געזונט, אַקטיוו, שאַפעריש און האַרציק געאַרעמט איינער מיטן אַנדערן.

ח״י כסלו, תשל״ב

## אַרבעטער רינג
### ניו־יאָרק

### אַלעקס ראַבין יובל־קאָמיטעט
ש. גרעי, סעקרעטאַר
938 נאָרט אָגדען דרייוו
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.

ליבע פריינד:

מיר שליסן זיך אָן אין דעם יום־טוב וואָס איר גרייט לכבוד דעם 75סטן געבוירנטאָג פון אייער און אונדזער ליבן פריינד אַלעקס ראַבין.

פריינד ראַבין האָט גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער שול און קולטור־באַוועגונג אין אַמעריקע און מיר זיינען צופרידן וואָס זיין בייטראָג ווערט אָפּגעשאַצט און וועט געפינען אויסדרוק אין דעם ספּעציעלן נומער פון אייער זשורנאַל „חשבון“.

גיט איבער אונדזערע בעסטע וואונטשן דעם יובילאַר, אַז ער זאָל נאָך פיל יאָרן קענען זיין טעטיק אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן לעבן אין אייער שטאָט.

מיט פריינדשאַפט, אייער,

י. מלאָטעק, בילדונגס־דירעקטאָר

Best Wishes

from

HELEN and HAROLD

PESSIN

# יידישער נאַציאָנאַל פאָנד
# אַניואיטי פאָנד

## איר קענט האָבן
## אַן איינקונפט אין משך פון אייער לעבן
## מיט אַ צוגאָב פון אַ בונד מיט ישראל

עס איז אייער אינטערעס זיך באַלד איינצושאַפן
אַ לעבנסלענגלעכע נאַציאָנאַל-פאָנד אַניואיטי-הכנסה
און העלפן זיך אַליין דורך העלפן מדינת ישראל!

✡

שניידט אָפּ דעם קופּאָן און שיקט עם דורכפּ אָסט
פאַר ווייטערדיקער אינפאָרמאַציע :

---

**MR. FRED KAHAN, Executive Vice-Pres.**

**JEWISH NATIONAL FUND**

**Western Region, Jewish National Fund**

**5410 Wilshire Blvd. • Los Angeles, Calif. 90036**

*Yes, I am interested in helping the Land of Israel while obtaining an income for life. Please send me more information about the Jewish National Fund Annuity Trust.*

Name..............................................................

Address..............................................................

City.................................................Zip Code.....................




## אַ באַגריסונג פון
## שרה און ד״ר עזריאל נאַקס

13 מערץ, 1972

מיין ליבער אַלעקס ראָבין:

כ'האָב זיך ערשט דערוווסט וועגן אייער 75סטן געבוירן־טאָג. מיין שרה און איך שיקן אייך און אייער שפרהן, די האַרציקסטע ווונטשן, די וואַרעמסטע גרוסן, און ברכות ממעמקים.

וואָס, וואָס, וויפל צער און פרייד ס'איז אייך ניט געווען באַשערט, איז דאָך קלאָר אַז אייער לעבן איז געווען שיין און שעפעריש. היט אָפּ אייער געזונט — און איך האָף אַז אייער שפרה וועט דאָס אויך טאָן און אַז זי פאַרבעסערט זיך אין געזונט, און אַז איר וועט ממשיך זיין אייער קולטור־טעטיקייט נאָך אַ סך, אַ סך יאָרן, עד מאה ועשרים.

מיט פריינדשאַפט און ליבשאַפט,

## שרה און עזריאל נאַקס

---

האַרציקע באַגריסונג צום אומדערמידלעכן עסקן בצרכי יידיש בכלל און ייוואָ בפרט,
**אַלעקס ראָבין**, פאַרזיצער פון לאָס אַנגעלעס ייוואָ קאָמיטעט, נאַציאָנאַלער דירעקטאָרן מיטגליד פון ייוואָ — צו זיין 75 יאָריקן יובל.

מיר ווינטשן אים נאָך לאַנגע יאָרן, געזונט און אַקטיווע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

## לאָס אַנגעלעס ייוואָ קאָמיטעט

זלמן זילבערצווייג
תנחום ברייס
משה קאַפּלאַן
וויצע־פאָרזיצערס
י. טיללעס, סעקרעטאַר

## דער פּרץ פאַרלאַג קאָמיטעט
## פון לאָס אַנגעלעס

ווינטשט אייך, צו אייער 75 יובל־יאָר אַ סך געזונטע און שעפערישע יאָרן מיט אייער ליבער שפרה און משפחה. אַ דאַנק אייער געטרייער אַרבעט האַלטן מיר אויף דעם קאָמיטעט ביי אונדז אין שטאָט.

שמחה גרעי, קאַסירער

---

צום חשובן קולטור־טוער און בויער
## אַלעקס ראָבין
שיקן מיר אים לכבוד זיין 75 יאָריקן געבוירן־יאָר אונדזערע האַרציקסטע ברכות.

## ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

יעקב קאַהאַן, פרעזידענט
סידני פיינער, אפרים שטיין
וויצע־פרעזידענטן
סיון האַמבורגער, ראַיאָן פאָרזיצער
הערי שטערנפעלד, קאַסירער
משה כהן, עקז. דירעקטאָר

---

מיר באַגריסן אונדזער פריינד
## אַלעקס ראָבין
צו זיין 75 יאָריקן יובילײ.

מיט פרייד באַטייליקן מיר זיך אין דער פאַרדינטער באַערונג פאַר דעם באַליבטן קולטור־געזעלשאַפטלעכן בעל־יובל. אַ סך יאָרן געזונט און שעפערישע אַרבעט אין אייער ווייטערדיקן לעבנס־וועג.

## פאַרלאַג און ביבליאָטעק
## א.נ. י. ל. פּרץ, תל־אביב
פאָרזיצער: מ. גערשאָנאָוויטש

אלעקס ראבין

# וועגן זיך אליין

## א) קינדער־יארן

מ'פרעגט מיר גאנץ אפט: ווי אזוי דערקלערט זיך דאס? איר זייט געקומען אין אמעריקע א יינגל פון עלף יאר און זיך דערצויגן אין א קליינער שטעטל אין אייאווא, וווּ ס'איז געווען א קנאפער יידישער לעבן, און דאך זייט איר אריינגעצויגן געווארן אין אונדזערע באוועגונגען, אין אונדזער געזעלשאפטלעך לעבן און אזוי ליב באקומען יידיש און יידישקייט? וואס איז דער סוד? וואס האט דאס גורם געווען?

פארשטייט זיך, אז דערציונג און השפעות זיינען אזא קאמפליצירטער ענין, אז קיינער קען ניט מיט זיכערקייט אנווייזן, אז דאס און דאס האט געווירקט פונקט אזוי. אדער, צי האט די אדער יענע אטמאספערע ארויסגעבראכט פאזיטיווע אדער נעגאטיווע רעזולטאטן.

איך וויל אבער דערציילן עפעס פון מיינע גאר יונגע יארן וועלכע האבן געוויס משפיע געווען מיין לעבן שפעטער.

צוויי לערערס זיינען זיי געווען. איינער אין גאנצן אנדערש פון דעם אנדערן. אבער ביידע זיינען זיי געווען מערקווירדיקע פערזענלעכקייטן און האבן אויף אונדז איבערגעלאזט א דויערהאפטיקע ווירקונג.

מיר האבן דעמאלט געוווינט אויף א געדונגענעם הויף ארום 80 וויארסט פון סלוצק. די איינציקע יידישע משפחה אחוץ אונדזערע איז געווען דער פאקטער. חיים קאהן איז געווען זיין נאמען. ווי ס'איז געווען די מאדע אין יענע יארן, אז מ'האט געוואלט אז די קינדער זאלן זיך לערנען, האבן די צוויי משפחות געדונגען א לערער, ווייל קיין לערן־שולן זיינען דאך ניט געווען, און סיי ווי וואלטן אונדזערע עלטערן אונדז ניט געשיקט אין קיין גוישע שקאלע.

תלמידים זיינען מיר געווען זעקס: איך זיבן יאר אלט; מיין עלטערע שוועסטער — 9½ יאר; א קוזינע מיינע, וועמענס מאמע איז געשטארבן און זי האט געוווינט מיט אונדז; און דעם פאקטערס 3 קינדער, עפעס עלטער פון אונדז. ס'זיינען געווען נאך קינדער אבער זיי זיינען געווען צו יונג. עברי' האבן מיר שוין געקענט. געלערנט האט מען מיט אונדז העברעיש, רוסיש, דיקדוק און חשבון; חיבור, חיסור או"וו.

דער ערשטער לערער איז געווען ל י י ז ע ר. זיין פאמיליע־נאמען האבן מיר, דוכט זיך, קיין מאל ניט געוווסט. ער איז געווען אן אידעאליסט, א רעוואלוציאנער. מיר האבן זיך שפעטער דערוווסט, אז ער באהאלט זיך אויס פון דער פאליציי, ערגעץ פון א גרויסער שטאט.

ער איז געווען אן אויסערגעוויינלעכער מענטש. ער איז אליין געווען פול מיט גלויבן און האט געהאט דעם כוח אנצושטעקן אנדערע. ער האט געלעבט אין אן אנדער וועלט ווי אונדזערע. ער האט פאר אונדז אנטדעקט א נייע וועלט, וועלכע דארף קומען און מ'דארף זען ברענגען, א וועלט פון יושר און גערעכטיקייט, א וועלט אין וועלכער ס'וועלן ניט זיין קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע; א סאציאליסטישע וועלט פול מיט פרייד, מענטשלעכקייט און פרייהייט.

אונדזער הויף איז געווען ארומגערינגלט מיט גרויסע וועלדער. מיר האבן די וועלדער גערופן אויפן נאמען פון דעם לערער, וועלכער האט אונדז געפירט, ווייל אין די זומערדיקע פארטאגן פלעגט ער גיין מיט אונדז קלייבן יאגעדעס און שוואמען אין די וועלדער. פארטאג קלייבן יאגעדעס איז געווען א ספארט.

דעם גאנצן וועג פון שפאציר פלעגט דער לערער ריידן וועגן פארשיידענע זאכן, דערציילן מעשיות פון דער וועלט־ליטעראטור, לעגענדעס מיט א מאראל; ער פלעגט ריידן וועגן סאציאלן יושר, נאטור־שיינקייט, און די וועלט איז פול מיט איבערגלויבן פון וועלכער מיר מוזן זיך באפרייען. מיר, די קינדער, פלעגן שלינגען זיינע רייד, זיך געפרייט מיטן הערלעכן מארגן, וועלכן ער האט צוגעזאגט און וועט געוויס קומען און מיר האבן זיך



ממש געפילט ווי אויסגעוואקסן דורך דעם וואס דער לערער קלערט אונדז אויף און מיר פארשטייען אזוי פיל.

: ער פלעגט אויך זינגען רעוואלוציאנערע לידער, וועלכע האבן אויף אונדז געמאכט א שטארקן איינדרוק — סיי די ווערטער, סיי די מעלאדיע.

איך דערמאן זיך נאך איצט, מיט א צאפל אין הארצן, יענע ווינטערדיקע שבתים, ווען מ'האט ניט געלערנט, און אויפן גאס איז געווען קאלט, א זאווערוכע, די נאז ניט ארויסצושטעקן. פלעגט לייזער ארומשפרייזן הין און צוריק אין גרויסן עסצימער. מ'האט דעם צימער גערופן „סטאלאווע". דער צימער איז געווען אן א דיל, שבת באשאטן מיט פרישן געלן זאמד,

און זינגען פלעגט לייזער מיט הארץ און נשמה. לידער טרויעריקע, בענקענדיקע, יידישע און רוסישע, און איבערהויפט רעוואלוציאנערע לידער. איך געדענק נאך עטלעכע: מארסעליעזע, דובינושקא, ס'לויפן ס'יאגן שווערע וואלקנס, טריט פון טיראנען, ברידער און שוועסטער, און נאך און נאך. מיר האבן זיך צוגעהערט, געפילט מיט קינדישער אינטואיציע ווי ס'זינגט זיך פון אים ארויס און גאר א סך פון דעם געזאנג איז אריין אין אונדזערע הערצער און נשמות און איז דארט פארבליבן.

מיין אנדער לערער האט געהייסן מ א ט ק ע (מיט א פתח אונטערן אלף). מסתמא פארצויגן, אדער א פארשטעלטער נאמען. ער איז געווען א משכיל און פול מיטן רענעסאנס פון העברעיש אין יענער צייט, אן ערודיט, ראפינירט, זייער איידל און העפלעך, מיט גוטע מאנירן און א ווייכן בליק. אויך א סאציאליסט, אבער פול מיט אהבת ציון. ער האט אין די לימודים געשטעלט דעם הויפט־טראפ אויף יידישער געשיכטע און יידישער אויפלעבונג. ער האט איבערגעהיפט תנ"ך. ער פלעגט אבער פירן שמועסן וועגן דער גרויסקייט פון יידישער עקזיסטענץ, נסים און קאמפן. מיר האבן באוואונדערט די מאקאבייער, בר־כוכבאן, און די אנוסים אין שפאניע. יידישע געשיכטע איז באשטאנען בלויז פונעם עבר, אן קעגנווארט, און ער האט איינגעפלאנצט אייביקע ליבשאפט צום יידישן פאלק.

אויך מיט אים פלעגן מיר גיין אין וואלד קלייבן יאגעדעס און גייענדיק מיט די קאשיקעס פלעגן מיר זינגען און דער וואלד פלעגט מיטזינגען: „על אם הדרך שמה מתגוללת", „אויה עוטיה אני", „שמש אביב נטה ימה" און אנדערע. שבת בייטאג, דעם פרייען טאג, פלעגט ער מיט אונדז שפאצירן צום „מאיאק", א מיליטערישער אויסבליק־פונקט, וואס איז געווען ארום 4 וויארסט פון אונדז, און זיינע רייד זיינען געווען גאנצע לעקציעס פון א וועלט וואס מיר האבן געמיינט אז מיר הייבן שוין אן צו פארשטיין. מיין שוועסטער פרומע לאה און איך האבן געהאט א גרויסן סוד, וואס מיר האבן ניט דערציילט אפילו די אנדערע תלמידים. אז מיט „דודי עזבתנו" און „שושנה חכלילת עינים" מיינט מען דאס יידישע פאלק. מיר האבן זיך געפילט אזוי וויכטיק.

צו מיינע ניין יאר זיינען מיין שוועסטער און איך אוועקגעפארן אין סלוצק צום זיידן זיך לערנען. איך האב אנגעהויבן לערנען גמרא, מיין שוועסטער — רוסיש. אן אנדער סביבה, אן אנדער וועלט, אבער די ניגונים און די לערעס פון די צוויי לערערס האבן אונדז נאך לאנג באגלייט און זיינען פארבליבן מיט אונדז א סך יארן, אפשר עד היום.

צו מיין 11־יאריקן עלטער האט אונדז דער טאטע אריבערגענומען קיין אמעריקע. איך האב א קורצע צייט געלערנט אין א פובליק סקול און אריין אין שטראם פון דעם אמעריקאנער לעבן. אבער איך האב שוין דאס רענדל פון די לערערס ירושה ניט פארווארפן. א סך מענטשן מיינען אז טאטע־מאמעס היים איז דער הויפט פאקטאר וואס האט דאס ארויסגערופן אין מיר. ניין, די היים האט אונדז ווייניק באווירקט. אונדזער שטוב איז געווען א שטרענג רעליגיעז פרומע, וואס איז מיין שוועסטער און מיר גאר ניט געווען צום הארצן. דער שטוב האט זיך אפילו ניט איינגעגעבן צו נייטראליזירן די אפיקורסות מיט וואס די לערערס האבן אונדז אנגעשטעקט. די 3 יונגע קינדער, דערצויגן אין אמעריקע, האבן ניט גערעדט קיין יידיש און האבן ניט קיין איינ־

דער יראת הכבוד פֿאַר דער אידעע רופֿט אַרויס גייסטיקע עמאָציעס און מאַכט דאָס לעבן אינהאַלטספֿולער. ס'העלפֿט אויך אויספֿאָרמירן איינעמס כאַראַקטער, ווייל ס'איז אַ סגולה אַקעגן פֿוילקייט צו דער פּאַסיוויטעט. קוים זייט איר זיך מחייב עפּעס צו טאָן, טרייבט דאָס אייך און ס'רופֿט. דאָס איז במילא גורם אַ דיסציפּלין איבער זיך: ניט צו גיין דעם וועג פֿון גרינגסטן ווידערשטאַנד, פֿאַרטרייבן דעם חשק צו טאָן וואָס ס'איז גרינגער; פֿאַרקערט, אַ סך מאָל טאָן וואָס ס'איז שווערער.

כלל־אַרבעט לערנט אויך מידות: למשל, טאָלעראַנץ פֿאַר יענעמס מיינונג; צו קענען מיטאַרבעטן מיט פֿאַרשיידענע מענטשן; הרחבת הדעת צו פֿאַרשטיין אַ צווייטנס שטאַנדפּונקט און אַ פֿאַרשטענדעניש ווען צו מוותר זיין אויף אייערער אַ מיינונג לטובת דער גאַנצער זאַך אָדער ענין.

איך מיין אויך, אַז דאָס זיין פֿאַראַנקערט אין אַרבעטן וואָס האָבן באַשטימטע צילן איז גורם אַז מ'זאָל קענען בלייבן געטריי צו זיך אַליין און ניט מיטגעריסן ווערן מיטן שטראָם, וואָס פֿירט אַ סך מאָל אַראָפּ פֿון וועג. ניט זוכן זיך צוצופּאַסן צום אַרום, וואָס דאָס איז שטענדיק דער סימן מובהק פֿון אַסימילאַציע. ווען מ'איז אַקטיוו איז מען במילא פֿאַרוואָרצלט אין דער טיף, און ס'ציט צו וויכטיקע הויכקייטן גלייך אַרויף. מ'נייגט אָפּ און מ'ווערט ניט גרינג אַ קרבן פֿון האָריזאָנטאַלן פֿלאַך און אויסגעזעצט צו יעדן צוג און ווינטל.

אַ סך מאָל ווען די לופֿט איז געווען שטורמיש — און מיר אַלע האָבן דאָך דורכגעלעבט אַזעלכע שטורמישע יאָרן פֿון גרויל, קאַמף און ברודער־קריג און פּאָליטישע איבערקערענישן — האָט געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט פֿאַר מיר געדינט ווי אַ פֿאַראַנקערונג, ווי אַ דאַמבע, אַן אָנשפּאַר וואָס לאָזט ניט פֿאַרשווענקט ווערן פֿון ווינטן וואָס הוליען אָדער בושעווען.

פֿליכטן, התחייבות, עקשנות, פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט, איניציאַטיוו, יאָ, און פּינקטלעכקייט — דאָס זיינען נוצלעכע שטריכן אין לעבן בכלל, און אַרבעט לטובת הכלל מוז העלפֿן אַנטוויקלען אָט די מידות.

און ווייל אונדזער יידיש לעבן און באַזונדערס יידישע קולטור, צוליב דעם וואָס מיר האָבן ניט קיין רעגירונגען און מעצענאַטן וועלכע זאָלן זאָרגן פֿאַר אונדזער קיום איז אָנגעוויזן אין גאַנצן אויף אונדזער אייגענע טעטיקייט, האָבן מיר יידן בעסערע מעגלעכקייטן צו אַנטוויקלען זיך אַליין. ביי די אומות העולם איז כלל־אַרבעט אַ ספּאָרט־זאַך, אַ פֿאַרווייַלונג; ביי אונדז איז דאָס אַ נויטווענדיקייט.

אַוודאי איז דאָ אַ סך ערגערניש, קאָפּדרייעניש, האַרצווייטאָג, פֿאַרדרוס און אַ מאָל שלאָפֿלאָזע נעכט, אָבער טראָץ דעם איז דער שכר, ווי איך האָב אָנגעוויזן, מכפּר פֿאַר אַלץ. און הייַנטיקער אָוונט, וואָס איז ווי אַ קרוינונג פֿאַר דער אַרבעט, איז די צייט דאָס אַרויסצוזאָגן.

און דאָס איז אין גייסט פֿון דעם וואָס אונדזערע חכמים האָבן געזאָגט, אַז מער ווי יידן טוען פֿאַרן שבת, האָט דער שבת אויפֿגעטאָן פֿאַר יידן. געזעלשאַפֿטלעכע אַרבעט טוט מער פֿאַרן יחיד ווי דער יחיד פֿאַרן כלל.




# אַ הסתדרות אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט

פֿון דער

## ישראל הסתדרות־פֿונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פֿאַרזיכערט אייך און אייער פֿרוי

- אַ יערלעכע הכנסה פֿון 8.5%

און

- באַדייטנדיקע איינשפּאָרונגען

הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, „פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פֿונעם „קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האַלט לענגער ווי 6 חדשים.

זייט איר פֿאַראינטערעסירט . . .

אין העלפֿן זיך אַליין דורך העלפֿן ישראל ?

אויב יאָ . . . טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 8.5 פּראָצענט הסתדרות אַניואיטי טראַסט־קאָנטראַקט.

שניידט אויס דעם קופּאָן און שיקט צו דורך פּאָסט:

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**
**7250 Beverly Blvd., Los Angeles, Calif. 90036 — Tel. 938-3201**

APPLICATION for Histadrut Annuity Trust Agreement

To be issued to..........

Address..........

Date of Birth.......... Soc. Sec. No..........

Principal Amount $..........

Date.......... Signature of Applicant..........

מיר שטאָלצירן וואָס איינער פון אונדזער משפחה
האָט דערגרייכט אַזוי פיל חשיבות אין יידישן
געזעלשאַפטלעכן לעבן אויפן געביט פון קולטור-
אַרבעט.

מיר באַגריסן **אַלעקסן** מיט **שפרהן** און
די גאַנצע משפחה.

☆ ☆ ☆

## לינאַ האַלפערן
זיין שוועסטער

## נייטן (נחום) און אידיט האַלפערן
פלימעניקעס, ניו־יאָרק

## מייקל האַלפערן
ניו־יאָרק



איחולינו הלבביים לגיסנו היקר והחביב

# אַלעקס ראָבין

געזונט און לאַנגע יאָרן אים און **שיפרהן**
אין נחת און פריידן, אָמן.

☆ ☆ ☆

Throughout the many years of devoted service to Jewish causes, you have inspired, influenced and enlisted the interest and efforts of many others.

Your sincere sense of modesty has always evoked admiration and your rewards have been in your achievements.

May you and SHIFRAH be blessed with many more years of good health and contentment.

מזל טוב!

**JACK and ROSALIE BECKER**

**RUTH ROBINS and FAMILY**

**JACK, SUE and MAYER BECKER**

Jacksonville, Florida

☆ ☆ ☆

## צו מיין זיידן אַלעקס

מיט גרויס נחת צו זיין

## 75 יאָריקן יובל

מיט ליבשאַפט צו דיר

פון דיין אייניקל

# דניאל זכריה

און דיין טאָכטער און איידעם

## מרים און לו גודווין

**MIRIAM and LEW GOODWIN**

☆ ☆ ☆



# די לייען-קרייזן פון לאָס אַנגעלעס

## באַגריסן דעם חשובן יובילאַר צו זיין 75-סטן געבוירן-יאָר

אונדזער חבר ראַבין איז באַהויכט מיט אינטעליגענץ. ער איז אַ מענטש פון וואָרט און טאַט — פון האַלטן אַ לעקציע ביז פאַרקויפן בילעטן.

ניטאָ קיין איין קולטור־אַקציע אין אונדזער יידישן לעבן, וואו חבר ראַבין זאָל ניט נעמען אַן אנטייל און זיין ביי דער פירערשאַפט. אַזאַ מענטש באַרייכערט אונדזער סביבה.

ווינטשן מיר אים אַ סך אַקטיווע, געזונטע יאָרן.

☆ ☆ ☆

**קאַונסיל פון די לייען-קרייזן**
גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

**אַרבעטער רינג לייען-קרייזן**
סיידי פינקלשטיין, סעקרעטאַר

**יהואָש לייען-קרייז**
חיה ביומאַן, סעקרעטאַר

**רינגלבלום לייען-קרייז**
מרים אָדערבערג, סעקרעטאַר

**רויזנבלאַט לייען-קרייז**
גאָסי סאַרטאָ, סעקרעטאַר

**דר. דאָלניק לייען-קרייז**
איידאַ מאַרקמאַן, סעקרעטאַר

**ה. לייוויק לייען-קרייז פון עלסינאָר**
בעלאַ גן, סעקרעטאַר

בעסטע וואונטשן צו אַלעקס ראַבין צו זיין 75־יאָריקן יובילייִ און מיר ווינטשן אים אריכת ימים.

**פאַרן קולטור-ווינקל**
סאָניע קעי, טרעזשורער

We are proud of your accomplishments and wish you, Alex, and the entire family, the best of health and happiness.

☆ ☆ ☆

**THE TENNENBAUM FAMILY**

of Savannah

**CONGRATULATIONS ON YOUR 75th BIRTHDAY**

May you enjoy many more fruitful years.

☆ ☆ ☆

With love,

**ETHEL, CAROLINE and NATHAN KRESTUL**



האַרציקע ברכות דעם איבערגעגעבענעם קולטור-טוער און אויפטוער, דעם געטרייען און געשעצטן פריינד אַלעקס ראַבין. נאָך אַ סך געזונטע יאָרן אים און זיין משפחה.

**אַ גרופּע פריינד פון דזשעקסאָנוויל**
AUERBACH, Dorothey and Bethami

אָמאַן סאָניע
אָסטראָווסקי חייקע
אָרטנשטיין, פייגל און וועלוול

בער, פינקל און בען (פענסעקאָלאַ)
בערקאָוויטש העניע
BASHOK, Mildred and Arthur
BLEIFIELD, Florence and Sid
באָרענשטיין, מרים און רבי מנחם
בערמאַן, איוואַ און העניך
בריים, טילי און תנחום
ברידזשער, ד״ר און משפחה
בעקער, רות און לייזער (פיניקס)
בריינין, לינאַ און שמואל

ד״ר בערל גאָלאָמב און משפחה
גימעלשטיין, איידעלע און משה (מיאַמי)
גלייזער, שמואל און פרוי (איידלווײַלד)
גרעי, יעטאַ און שמחה
גודווין, ראָזאַלי

דייווים, רחל און דייוו (אַטלאַנטאַ)
דראָנזעק שמואל (טוסאַן)
דייטש, רחל און מאָרים

**הירשביין משפחה:**
אסתר, עמוס, יעסעלע, פּרץ, הילל
האָכבערג, ביילקע
האָניגבוים, פעסיע און משה

וואַנאַמייקער באַשע
וויים, פלאָראַ און שמואל

יוינער, באַרים
וואָלפסאָן יהודה
ווײַנמאַן דזשעני
ווײַנטרויב, לילי און מאיר

זעלדין משה אֶפרים

כּ״ץ, דאָראַ און טוביה

לאַנדאַ, סאַראַ און יוסף (אַטלאַנטאַ)
לעווין, דאָראַ און סעם
לעסין, פעני און טשאַרלס

מאַקאָווסקי י.
מאַרקוס יצחק
מען, חנה און יעקב (שיקאַגאָ)
מאַרקוס, אידיט (ניומאַן) און אַרטור
מערלין בעסי (אַטלאַנטאַ)

נאָדעלמאַן, בעקי און משה

סאַלעם, רבקה און וואָלף
סעלצער, מרים און טוביה
סטענזאָר, גיטל און איזידאָר
סאַלעם, אפרים און דזשאָון
סאַפּקין, מאַניע און בען
סלאָבאָדקין רחל
סלוצקי, רחל און מענדל

PAUL, Pearl and Sam

פרידמאַן, לאה און יעקב
פרידמאַן, שרה און משה (דעטראָיט)
פיליפּס, רות און סימאָר
פיליפּס, סאָפי און ד״ר עדוואַרד
צוקערמאַן, טשאַרלס

קעץ, העלען און סיד
קוליק, עטל און חיים
קאָלער, דאָראַ און יצחק
קליינבארד, רחל און בען
KARPMAN Dr. Benjamin & Mrs.
קאַפּלאַן משה
קאַרפּ, סימה און זרח
קעלעמער, שוירלי און שמואל
ROBIN, Peggy, Edward and Family
שלאָסער משפּחה
שולוויים, גוטשע און משה
שטיינבערג משפּחה, קלאַראַ און קינדער
שאַפּיראָ באַשקע — אין אָנדענק פון חיים

---

**א. ליעסין ברענטש 663**

מיר באַגריסן אונדזער מיטגליד, דעם יובילאַר, פּר. אַלעקס ראָבין

---

**קראָפּאָטקין ברענטש 413**

אונדזער אויסדרוק פון אנערקענונג און אַ יישר־כוח צו פּר. אַלעקס ראָבין.

---

**מאָריס זיגמאַן ברענטש 689**

באַגריסט אַלעקס ראָבין.

מאַקס מאַרקאָוויץ, סעקרעטאַר

---

**ווייצמאַן - זאַלצמאַן צווייג**

באַגריסט אונדזער חשובן מיטגליד אַלעקס ראָבין.

**דוד שרגא**, פּרעזידענט

**יצחק גיבערמאַן**, פינאַנץ סעקר.

**מ. פייקעס**, רעק. סעקרעטאַר

---

**באַראָכאָוו - פּינסקי צווייג 122**

מיר שליסן זיך אָן אָן די אַלע גוטע ווערטער וועגן חבר אַלעקס ראָבין.

מיט די בעסטע וואונטשן,
**מ. האָפּמאַן**

---

**פאַרבאַנד הירשביין - רויזענבלאַט צווייג**

צו אייער 75טן יאָר ווינטשן מיר אייך נאָך פיל געזונטע און טעטיקע יאָרן.

**מאָריס דייטש**, פּרעזידענט

**מאיר קעסטעל, ראָבערט טעמפּער**
סעקרעטאַרן

---

אונדזערע וואַרעמסטע ברכות דעם פּראָמינענטן קולטור־טוער **אַלעקס ראָבין** צו זיין 75 יאָריקן געבורטסטאָג.

כה לחי!

**א. גאָלאָמב בוך־קאָמיטעט אין מעקסיקאָ**

מרדכי קאָראָנאַ
ישעיהו גאָרינשטיין
אַבנר אליפז

---

לכבוד אונדזער פריינד **אַלעקס ראָבין** דעם קולטור־טוער, אריכת ימים און שעפערישקייט.

**מאַקס רומאַק און פרוי**

---

אונדזער האַרציקע באַגריסונג דעם ליבן פריינד **אַלעקס ראָבין** און זיין חברטע. זיי זאָלן זיין מיט אונדז נאָך לאַנגע, לאַנגע יאָרן, אין גוטן געזונט און אין שלום. אויף דער וועלט.

**פעני און פינטשע בערמאַן**



אונדזערע ברכות און וואונטשן דעם פריינד אַלעקס ראָבין צו זיין יובל. מיר ווינטשן אים אריכת ימים, געזונט און ענערגיע פאָרצוזעצן זיין געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

**מרים און אָשר קיפּניס**

---

**איך באַגריס אַלעקס ראָבין צו זיין 75טן געבוירן־יאָר.**

איינער פון ווייניקע פאַר וועמען דאָס יידישע בוך איז ליב און טייער; ער טוט אַלץ וואָס ער קען צו פאַרשפּרייטן דאָס יידישע בוך.

איך ווינטש אים לאַנגע און געזונטע יאָרן ממשיך צו זיין זיינע טעטיקייטן.

**שמואל בער לייקין**
דעטראָיט

פערזענלעך קען איך ניט דעם פריינד **אַלעקס ראָבין** אין לאָס אַנגעלעס. אָבער איך ווייס וויפל איך האָב אים אָנגעדורעט אַ קאָפּ אַרום דעם גאָלאָמב יובל־בוך, און אַזוינע יידן ווי איך זיינען דאָ מסתמא אַ סך, שטעל איך זיך פאָר וויפל האַרץ און מוח, אַרבעט און זאָרג פריינד ראָבין האָט עס אַרום יידישע ביכער בכלל. שיק איך אים פון דער וייטנס מיין באַוועגטע ברכה צו זיין יובל. ווינטש איך אים ער זאָל זיין געזינטער ווי איך און זאָל ווייטער קענען נאָך לאַנגע יאָרן אָנגיין מיט זיין געזעלשאַפטלעכע אַרבעט לטובת אונדזער פאָלק געזונטערהייט, הלוואי אָמן! מיר האָבן אַזוי ווייניק אַזוינע געטרייע, איבערגעגעבענע כלל־טוערס. זאָל ער טאַקע צונעמען מיין ברכה פון אַ צווייטן יידישן כלל־טוער אין קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ.

**מאַקסימאָ פריילין**
קאַראַקאַס, ווענעזועלאַ

---

● ווען דער איצטיקער ספּעציעלער א. ראָבין יובל־נומער „חשבון" איז שוין געווען אין דרוק־מאַשין האָט אונדז געפּלעפט די פּלוצימדיקע און פאַר אונדז אומגעריכטע פּטירה פון אונדזער בעל־יובלס לעבנס־באַגלייטערין. די צדקת **שפרה בת מתתיהו ז"ל**.

מיר אַלע דריקן אויס אונדזער טיפן צער צו אַלעקס ראָבין, צו זיין טאָכטער און דער גאַנצער משפחה פון דער נפטרת.

יהי רצון, אַז זיי אַלע זאָלן געטרייסט ווערן און להבא זאָל צער פון זיי אויסגעמידן ווערן.

אַזוינע חברים און גוטע פריינד
ווי עס איז דער באַליבטער
**אַלעקס ראָבין**
פאַרגעסן זיך ניט אפילו פון ווייטן
און פון לאַנג, אפילו פון אַטלאַנטיק
ביזן פּאַסיפיק.

**סאַבינאַ און ראַלף גוטמאַרק**

דזשעקסאָנוויל, פלאָרידאַ

---

מיינע האַרציקסטע גרוסן און בעסטע וואונטשן צו מיין חשובן פריינד און קולטור־עסק, אַלעקס ראָבין, צו זיין 75טן געבוירן־טאָג.

**ה. א. אַבראַמסאָן**
(ניו־יאָרק)

---

שוין מער ווי 25 יאָר ווי איך קען דעם ליבן און ענערגישן אַלעקס ראָבין און איך זע ווי אומעטום וווּ מען דאַרף אַרבעט, לייגט ער צו גערן זיין האַנט: פאַרשפּרייטן יידישע ליטעראַטור, איז עס ראָבין; אַ יובל־בוך פאַר גאָלאָמבן, איז דערין א. ראָבין; בית לייוויק — ווידער ראָבין; הייבט ייוו״א־קאָמיטעט — זיכער א. ראָבין; זשורנאַל „חשבון“, קולטור־קלוב — אומעטום א. ראָבין. הלוואי האָבן מיר נאָך אַזוינע טוערס, וואָלט געווען אַן אַנדער מזל־ברכה. ווינטשן מיר אים נאָך אַ סך אַזוינע אַרבעטספולע יאָרן, אָמן!
מיט פריינדשאַפט און פאַרערונג,

**ווילי־וועלוול שאָר**

---

צו וואָס פריינד אַלעקס ראָבין נעמט זיך ווערט געטאָן און געשאַפן. קיין אַרבעט איז פאַר אים ניט צו שווער. אונדזער ברכה אים.

**א. גאָלאָמב יובל בוך־קאָמיטעט**
אין לאָס אַנדזשעלעס.

---

מיין אַלטן חבר און גוטן פריינד
**אַלעקס ראָבין**
שיקן מיר פון ווייטן מיאַמי אונדזערע וואַרעמע גרוסן און ברכות.
לאַנג לעבן זאָלן אַזוינע גוטע יידן!

**יצחק בן משה איידלשטיין**

---

האַרציקע ברכות אונדזער ליבן שוואָגער און פעטער, דעם פאַרדינסטפולן קולטור־טוער
**אַלעקס ראָבין**
נאָך אַ סך געזונטע און טעטיקע יאָרן, צוזאַמען מיט שפרהן.

**פנינה און אליהו כאַזאַנאָוו**
**און פלימעניק מתתיהו**

---

מיין טיפסטע אנערקענונג צו אַ חבר מיט וועלכן איך האָב מיטגעמאַכט אַ פערטל יאָרהונדערט פאַר דער פאַרשטאַרקונג פון יידישער קולטור.
**ד״ר סעמיועל דינין**

---

**טייערע שפרה און אַלעקס ראָבין:**
נעמט צו אונדזערע האַרציקע וואונטשן פאַר לאַנגע יאָרן פון קרעאַטיווע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אַרבעט.
**אסתר און לואיס לאַמעד**
(דעטראָיט)

---

מיר באַגריסן מיט ליבשאַפט און דרך־ארץ אונדזער מיטגליד פון פאַרוואַלטונגס־ראַט
**אַלעקס ראָבין**
צו זיין 75־יאָריקן יובל.

**ל. א. יידישער קולטור־קלוב**



האַרציקע באַגריסונג און פריינדלעכסטע וואונטשן שיקן מיר דעם פריינד **אַלעקס ראָבין.**

**ב. זימרינג**

---

עס איז אַ פאַרגעניגן צו טאָן געזעלשאַפט־לעכע אַרבעט צוזאַמען מיט אַזאַ גוטן אויפטוער ווי עס איז אונדזער אַלעקס ראָבין. הלוואי נאָך אַ סך יאָרן צוזאַמען מיט אים.

**צילע און שלמה צוקערמאַן**

---

**זיגמונד און רעגינאַ לעוו**

באַגריסן האַרציק דעם פאַרדינסטפולן בעל היובל אַלעקס ראָבין צו זיין 75טן געבוירן־יאָר. הלוואי נאָך אַ סך אַרבעטספולע יאָרן מיט אונדז צוזאַמען.

---

מיר באַגריסן האַרציק דעם בעל־היובל אַלעקס ראָבין צו זיין 75טן געבוירן־טאָג און ווינטשן אים געזונט און אריכת ימים פון פרוכטבאַרער אַרבעט לטובת הכלל.

**שמחה און שרה ליינער**

---

דעם ענערגישן און געטרייען געזעלשאַפט־לעכן טוער אַלעקס ראָבין אונדזער האַרציקע באַגריסונג און די בעסטע וואונטשן צו זיין יו ל.

**פייגעלע און יוסף פאַניץ**

---

לאַנג לעבן און געזונט זאָל זיין מיט זיינע שטענדיקע אינטערעסן לטובת הכלל, אונדזער ליבער פריינד אַלעקס ראָבין און משפחה.

**בערקאָוויץ מרים און יונה**

---

מיט פרייד און כבוד באַגריסן מיר אונדזער האַרציקן פריינד, דעם איבערגעגעבענעם קולטור־עסקן אַלעקס ראָבין צו זיין יובל, און ווינטשן אים אריכת ימים און געזונט מיט זיין גאַנצער משפחה.

**ציליע און זלמן זילבערצווייג**

---

אונדזערע האַרציקע ברכות דעם פריינד א. ראָבין צו זיין 75טן יובל! יהי רצון ער זאָל קענען ממשיך זיין זיין כלל־אַרבעט אין משך פון אַ סך גליקלעכע און צופרידענע יאָרן.

**די גאָלאָמבס**

---

מיר באַגריסן האַרציק אונדזער גוטן פריינד אַלעקס ראָבין צו זיין 75סטן געבוירנ־טאָג. מיר ווינטשן אים אַ סך געזונטע און שעפערישע יאָרן צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי שפרה.

**דזשוליוס און בערטאַ מילער**
**אַרנאָלד און סימאַ מילער**
(שיקאַגאָ)

---

דעם קולטור־טוער און מיין פריינד אַלעקס ראָבין מיין האַרציקסטע באַגריסונג צו זיין 75 יאָריקן יובל.

**טוביה מייזל**
מעקסיקאָ

---

צוזאַמען מיט אַ סך פריינד ווילן מיר יום־טובן דעם יובל פון ליבן און טייערן אַלעקס ראָבין. מיר ווינטשן אים אָנהאַלטן זיין יוגנטלעכן גייסט לאַנגע, גליקלעכע יאָרן צוזאַמען מיט שפרהן. אָמן!

**די טוראַקס**
פון ניו־יאָרק

## אונדזער האַרציקע באַגריסונגען און ברכות דעם געטרייען געזעלשאַפטלעכן טוער, פריינד אַלעקס ראַבין.

אַדערבערג, מרים און משה
אלבאַן, חבר און חברה
אַדעס שאול, חבר און חברה
אפּטעקער אסתר
אינגבער סאָל
אייזענדאָרף, סאָפיע און מאיר
Boxerman, Wm. Mr. and Mrs.

ברזילי, מרים און ישראל
באַלאָט, ראָוז
בלעוויס, חבר און חברה
בונין, יעטאַ און זישע

גאָלדפאַרב, לילי און מענדל
גאָלדשטיין, דבורה און העניאַך
גאָלד עלאַ
גובערמאַן, אסתר און יצחק
גרינפילד רחל
גורעצקי סילוויאַ
גליקמאַן, סיליאַ און בערנאַרד

דזשאַנסטאָן, פערל און העדי
דרייער יחיאל
דזשייקאָבסאָן, לאה און גאָדל
בעטעסדאַ, מערילאַנד
דייווידסאָן, דוד און סילוויאַ
דזשעריק בליומע
דאָלסקי דזשוליוס

הערשבערג מרים
העריסאָן, באבי און אפרים
הורוויץ מרים

ווינער, סיידי און דוד
וועלטמאַן, פראַניע און משה
וואָלט ליאָ

זיגלבוים, טעמע און ד״ר אברהם

טרייסטער קלאַראַ
טויבעס, גיטעלע און יעקב שמואל
טראָמבקע יוסף, חבר און חברה
לעווין פעני
לאכטער, שאַרלאָט און ליאָ

לאַקס, לאה און יוסף
לאַוואַרסאָן, אסתר פעלדמאַן
ליוואַק, מערי און יוסף

מינץ, בעסי און בערל
מילער אָליע
מוראַווניק מאַקס, פריינד און פריינדין
מאַרסעל, מלכה און דוד

ניומאַן, חנה און יצחק
נאור, שמחה און ד״ר מנחם

סאַפּיאַן, פעי
סאַרטאָ גאָסי
סאַפּיאַן, העלען און שמחה
סאווינאָוו אברהם

פאָזי, בעלאַ און אַריה
פישער, ליסאַלעט און ד״ר ברוך
פרידמאַן, חנה און גרשון
פרידמאַן,ביילע און יאַנקל
פישער, גינדאַ
פעלדרייז, גערטרוד און דזשעק

קעסטל, בעקי און מאיר
קרוק, יחזקאל און מרים
קאָהען, אייב און חברה
קאַרסאָן, רבקה און אַלעקס
קעסעלמאַן חנה
קאַפּלאַן, פיליפּ און עני
קאָהען, ד״ר בערנאַרד און פרוי
קרעמער, לאָטי און מאַקס

ראַפּאָפּאָרט, עלסי און פינחס
ראָטבלום, זאַהאַוואַ און יצחק
ראָזענשטיין, גאָסי און רפאל
ראָזענמאַן, מאָריס

שייפער, גילדאַ און טשאַרלס
שטיינבערג, בלומע און משה
שולוואַס, ד״ר משה — שיקאַגאָ
שוואַרץ, מיני און אייב
שניידער, מאַניע און אברהם
שערמאַן גאָסי
שאַרף, שאַרי און שמחה
שרגא, רבקה און דוד



# דאַנק אויסדרוק

מיין משפחה און איך דריקן אויס אונדזער טיפסטן דאַנק דער רעדאַקציע און דער פאַרוואַלטונג פון „חשבון“ צו דער געלעגנהייט פון פייערן מיין 75־סטן געבוירן־טאָג. ס׳גיט אונדז אַ טיפן געפיל פון באַפרידיקונג און אַן אָנרעגונג ממשיך צו זיין מיינע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

מיר דריקן אויך אויס אונדזער דאַנק צו אַלע באַגריסערס — יחידים און אָרגאַניזאַציעס — איבערן גאַנצן לאַנד און פון מדינת ישראל, וועלכע האָבן דורך זייער וואַרעמען אָפּרוף דאָס מעגלעך געמאַכט.

די גרויסע צאָל בריוו, ווינטשעוואַניעס און פאַרפלאַנצטעביימער אין ישראל וועלן פאַר מיר שטענדיק זיין אַ קוואַל פון באַגייסטערונג און אַ ליכטיקע איבערלעבונג.

ביי דער געלעגנהייט וויל איך אויך באַדאַנקען דעם לאָס אַנגעלעסער יידישן קולטור־קלוב פאַר פאַרצייכענען מיין 75 יאָריקן יובל דורך אַ ספּעציעלן אָוונט מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און ליבשאַפט.

אויך אַ דאַנק דעם לאָס אַנגעלעסער ייוואָ־קאָמיטעט, וועלכער האָט די לעצטע ייוואָס קאָנפערענץ ביים פּאַסיפיק געווידמעט דער דאַטע אין מיין לעבן.

אַ דאַנק אייך אַלעמען ממעמקים.

אַלעקס ראָבין

# HANCOCK PARK CONVALESCENT HOSPITAL

SOUTHERN CALIFORNIA'S FINEST AND MOST LUXURIOUS FACILITIES

- Piped Oxygen in every room
- X-Ray, Laboratory and Pharmacy Service
- Special Diets prepared as prescribed
- Color Television in Recreation Rooms
- Superb Food
- Fully fire protected and inspected; complete automatic sprinkler system
- Beautifully furnished in cheerful relaxing decor
- Luxurious Dining Rooms
- Hi-Fi background music
- 41 Rooms, bathroom to each room
- Resort Patios, lounges & garages
- California registered nurses and licenced vocational nurses
- Occupational Psysio-Inhalation and Speech Therapy

- אַ היימישע יידישע אַטמאָספערע
- פריינדלעכע באַהאַנדלונג און אויפפּאַסונג
- יידישע מאכלים, היימישע מענטשן
- אַן אמתע היים — אַוועק פון דער היים.
- אַ יידישע און ענגלישע ביבליאָטעק.

- Complete convalescent services for men and women — chronic cases—cardiac geriatric—diabetic — orthopedic
- Licensed Physical Therapist
- Recreational therapy
- TV outlets in every room
- Supervised by a full time occupational Therapist
- House Physician available 24 hrs.
- Beauty Salon • Air conditioning
- Automatic zone control heating.



**505 North La Brea Ave. • Los Angeles, Calif.**

**Tel. 937-4860 (24 Hours)**

DIRECTIONS: Any East-West through Street crosses La Brea. The Hospital is situated between Melrose Avenue and Beverly Boulevard.